STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05317

SEYFER TEYVES NOAH

Noah Kaplan

Permanent preservation of this book was made possible
by Kenneth Silverman
in honor of
Willa Silverman & Ethan Silverman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



הרב נח קאפלאן

תוכן הדרשות (דבר לעתו)

הקדמה: דער תכלית פון א וויץ ____ 6

ויקרא: אפיעל פאר מ״ח ____ 8

צו: א—לבר מצוה ____ 13

ב—אדם קרוב אצל עצמו ____ 16

ג—העלפט די וואנדערער ____ 20

שמיני: א—הספד על צעיר לימים ____ 22

ב—כעין הספד ____ 24

תזריע: א—אפיעל פאר לחם עניים ____ 26

ב—גיט צדקה מיט גרוים שמחה ____ 27

ג—להחזקת ת״ח וגם פי׳ באבינו מלכנו 29

ד—די נויטיגקייט פון ספרים ____ 32

ה—גמילות חסדים און דער נוץ פון ביכער 33

מצורע: דרשה לשביעי של פסח ____ 38

אחרי מות: א—הספד ____ 42

ב—להקמת מצבה ____ 45

קדושים: א—להחזקת ת״ח ____ 48

ב—לבר מצוה ____ 51

ג—איין ענטפער צום בר מצוה ____ 54

אמור: א—דברים היוצאים מן הלב ——————— 55
ב—ולא הבישן למד ——————— 58
ג—שלום וצדקה ——————— 60
ד—הכנסת אורחים ——————— 61
ה—לספירה ותורה ——————— 64

בהר: צוויי רבנים אויף שבת אין סטעמפארד — 68

בחקותי: א—לבר מצוה ——————— 72
ב—ליוה"ד וליזכור ביוה"כ ——————— 74
ג—אפיעל לר"ה ——————— 76
ד—ליוה"ד לצדק ולשלום ——————— 79
ה—צו די ערשטע סליחות ——————— 82
ו—לראש השנה ——————— 85
ז—ליזכור דיו"ב ——————— 88
ח—לסכות ——————— 92
ט—וועגען יא-פאן ——————— 95
י—לשמחת תורה ——————— 97
יא—א בריעף צו ר' יעקב'ן ——————— 100
יב—צו אלע ברידער רבנים ומחברים — 104

ENGLISH SERMONS:

The Importance of Books 3
A Wedding Address 5
Bar Mitzvah Speech 7
Flag Dedication 9

אָט האָט איהר ברידער מיין ספר „תבת נח”, חלק ג.

שמחים בצאתם וששים בבואם — ער האָט אין זיך אסאך פרעהליכע געדאַנקען אין אָנפאנג און אויף ענדע. אָבער—ועושים באימה רצון קונם — דער צוועק איז כדי מען זאָל זיך לערנען פון דעם ספר צו טהאָן דעם ווילען פון גאָט, ובזכות זה וועלען די נאַצים האָבען איינגיכען א מפלה. — נאצי: ר״ת — **נ**עמען **א**לעם **צ**ו פון **י**ודען.

רבותי! איך פסק'ען יעצט א שאלה:

„אין מערבין שמחה בשמחה” — מען טאָר ניט מישען איין שמחה מיט דער אנדערער . . . פסק'ען איך אז ווען עס זאָל אָנקומען די גוטע בשורה אז היטלער האָט איינגענומען א מפלה, איז אפילו עס איז שמחת תורה מעג מען זיך אויך פרעהען אויף מפלת היטלער און נעמען צו ביסלעך בראנפען . . .

מכתב גלוי מהרב הג' המפ' **ליבער מארוויט** מביהכ״נ „קהל עדת ישורון”.

ידידי הרב הג' המפ' פה מפיק מרגליות, מוהר״ר נח בר' שלמה צבי קאפלאן.

עסקתי עמו הרבה ומצאתיו מלא וגדוש בש״ם ופוסקים, ומסיק שמעתתא אליבא דהלכתא, וראוי לדון ולהורות בישראל. בעז״ה יורה וידין כהלכה, באמת ראוי הוא להיות רב ודאין בישראל. וישבעו רצון מאתו בכל הפרטים.

על זה באתי עם החותמת לקים דברי אמת,

ליבער מארוויט, רב בבראנקס

ספר

תבת נח

על חמשה חומשי תורה

ענטהאלט פיעלע וויכטיגע און אינטערעסאנטע

דרשות

פיר אַלע געלעגענהייטען

ווי התונות, בר מצות און ר"ל הספדים

חלק שלישי

ספר ויקרא

דאַ געפינען זיך מאמרים אויף אַ סך ענינים פון תנ"ך און חז"ל
צו יעדער געלעגענהייט.

„הפך בה והפך בה"

מאתי הצעיר נח קאַפּלאַן

בן לאדוני אבי ר' שלמה צבי הכהן זצ"ל

נסדר ונדפס בדפוס הרבני ר' יעקב פּאַסטאַר

Copyright 1942

by

RABBI N. KAPLAN

2131 Vyse Avenue, Bronx, N. Y.

Printed in the U. S. A.

Postar Printing Corp.
14 Cook Street
Brooklyn, N. Y.

מכתבי תהלה מאת הרבנים הגאונים

ארי' ליב במוהר"יזל רלבג
רב ואב"ד דעיר קאָני איילנד והסביבה

בעזהש"ית

הנה עוד הפעם הקרה ד' לפני את ידידי הרב הג' הנואם המצוין פה מפיק מרגליות מוהר"ר נח ב"ר שלמה צבי הכהן קאפלאן שיחי' וידעתיו זה מכבר לבעל הגיון וסברא ישרה וזה עתה מצאתיו יגע ושוקד על דלתי תורה יום יום, והביא עכשיו לפני את ספרו השלישי אשר הוא רוצה להוציא לאור ומצאתי בו דברים נכוחים ערבים ונעימים דרושים לפי רוח הזמן, מעולפים בדברי משל ומליצה ובסיגנון קל וחלק, אשר כל אשר יהנה בהם, יהי' לו ממש ענג רוחני, לכן אבקש מאת כל אחינו, להיות לעזר לו ולהיות מן הנמנים לדבר מצוה ולהביא ברכה זו לבתיהם ובזכות המצוה של החזקת תורה ולומדיה נזכה כלנו לראות בבנין בית הבחירה, ותחזינה עינינו בנחמת ציון וירושלם.

המעתיר למען המצוה, באתי על החתום יום א' פ' שופטים. כ"ו מנ"א שנת השב"ת פה קאָני איילנד
נאום ארי' ליב רלבג רב ואב"ד דקאָני איילנד והסביבה

הרב ברוך שלום טריינין

בע"ה

ד' לסדר ברוך אתה שנת שבת פה ברוקלין.

כאשר כמה פעמים דברתי עם הרב החכם ושלם ר' נח קאפלאן שליט"א בדברי תורה ואגדה והראה לי את חבוריו על ספר בראשית ושמות ועתה על חלק ויקרא בשם תבת נח ובאמת הוא נאה דורש ונאה מקיים וספר כזה ראוי לכל רב להשתדל שיקנו אותו בבית מדרשו כי הוא ספר יקר הוא מביא תועלת גדולה להמשיך לב ישראל ללכת בדרכי התורה והמצוה ועל זאת באתי על החתום שלשה עשר יום לחודש אני לדודי.

ברוך שלום טריינין החופ"ק

הקדמה

יקבצו השומעים ויתעלה הדרשן.

רבותי! דאָ האָט איהר מיין דריטען טהייל „תבת נח״, דרשות אויף דעם חומש **ויקרא**.

די דרשות זיינען אויך צו אלע געלעגענהייטען, בר־מצוה׳ס, חתונות, ר״ל הספדים, און אויך אפיעלם צו שטיצען אלע נויטיגע אינסטיטושאָנס. איך דרוק דעם ספר אין אידיש, ווייל דער וואָרט **דרוק** איז די אותיות **רקוד**, און רקוד מיינט טאנצען. די ווערטער אין דעם ספר קענען פשוט מאכען דעם צוהערער באַגייסטערט אזש צום טאַנצען. האטש טיעף אין די ווערטער איז דאָ איינגעוויקעלט דער אידישער קרעכץ, ווייל דרוק איז דאך בלה״ק **דפוס** און דפוס איז די אותיות **ספוד**.

די אורזאכע פארוואס איך באנוץ אזוי פיעל וויצען אין מיינע דרשות איז פשוט, יעדע שלעכטע מדה, ווי צום ביישפיעל, כעס, גאוה, אפיקורסות, אָדער ליצנות, קען מען באנוצען צום גוטען און צו דינען דערמיט ג־ט, למשל: איין אפיקורוס צו זיין און ניט פאַרלאָזען זיך אויף ג־ט איז דאָך גראַדע גוט, דאַן ווען מען דאַרף שטיצען דעם אָרימאַן, מען זאָל ניט וואַרטען ביז ג־ט וועט העלפען. — און אזוי אויך קען מען טהאן פיעל גוטעם מיט ליצנות — איך וויל דאָ מיט אָט די וויצען צוציהען דעם צוהערער צו תורה, צו צדקה, און צו מענשליכקייט.

לאָמיר האָפען אז יעדער רעדנער וואס וועט נוטצען די ווערטער פון **תבת נח** וועט ארויס רופען ביי דעם עולם די ווערטער „ישקני מנשיקות פיהו״ (שיה״ש).

ווייל ווען א רעדנער זאגט גוטע געדאַנקען אָבער ער

רופט ניט ארוים קיין בעגייסטערונג, זאָגט מען אויף איהם: „הבל הבלים, הכל הבל, אמר קהלת"

אָט דערפאר, רבותי, באנוטץ איך אין מיינע דרשות פעפערדיגע, באטעמ'טע ווערטלאך. ווייל רבי מאיר האָט געזאגט „זוכה לדברים הרבה (פרק אבות ששי) — זוכה: מיינט לייטערען, מלשון „זך", ד.ה. צוליעב דער תורה לייטערען מיר אלע ווערטער.

יעדער וואָרט איז דאָ געזיפּט און געלייטערט צוליעב אָ תכלית. — א וואנדערער האָט זיך אמאָהל אָפּגעשטעלט ביי א פעלד. פרעגט ער דעם פעלד אייגענטהימער: „ווארום אַקערסטו די ערד?" ענטפערט דער בעה"ב: כדי מען זאָל קענען זייהען. — און ווארום דארפסטו זייהען? — ענטפערט ער, כדי עס זאָל זיין וואָס צו שניידען. —און צו וואָס דאַרפסטו שניידען? כדי עס זאָל זיין וואָס צו מאָהלען.—און וואָרום דאַרף מען מאָהלען? כדי עס זאָל זיין וואָס צו עסען און וואס צו פארקויפען. — און צו וואס דארפסטו אָט די אלע זאכען עסען און פארקויפען? גאנץ פשוט, זאָגט דער בעה"ב, מען דארף פארדינען געלד, — און וואָס פאר א נוץ ווען האָבען פון דעם געלד? געלד, ענטפערט ער מיט א זיכערען טאָן, מיט געלד קען מען האָבען אסאך פערגעניגען און כבוד. — אויב אז דער גאנצער צוועק פון דעם אקערען איז כבוד און פערגעניגען, האָט געזאָגט דער וואַנדערער, דער חכם, איז דאָך עס אזוי ווי דער נביא הושע זאָגט אין (קאפּ. י) „חרשתם רשע, עולתה קצרתם, אכלתם פרי כחש".

רבותי! אויב אָבער דער תכלית פון איין ארבייט איז צו פאַרבעסערען די מענשהייט, דאָן איז עס ווי שהע"ה האָט גע-זאָגט אין קאפיטעל ג' „בכל דרכיך דעהו והוא יישר ארחתיך". דער תכלית פון מיינע ווערטער דאָ איז צו פאַרבעסערען די מענשהייט.

איך האָב דאָ אויך פיעלע דרשות וועלכע מען קען זאגען להקמת מצבה, לקיים מה שנאמר „ודברתם אל הסלע (חקת).

ווייל די רבנים, וואָס רעדען ביי מצבות, טהוען גרעסערע וואונדער פון מרע"ה. מרע"ה האָט אַרויסגעצויגען פון דעם סלע בלויז וואַסער און זיי ציהען אַרוים דערפון געלט אויף צדקה און זיינען מפרנס ווייב און קינדער.

ויקרא

אפיעל פאר מ"ח

רבותי! איהר ווייסט אז אלע דרשנים פון אמאָהל האָבען גע'דרש'נט דאָ אז דער קליינער אלף פון ויקרא איז צו לערנען אונז די עניוות פון מרע"ה. ווייל ווען מען לייענט עס אָהן איין אלף מיינט עס „ויקר" וועלכעס איז א קליינע מדרגה אין נבואה. אָבער איך וויל דאָ אנאליזירען דעם חאראקטער פון איין עניו, און וואס פאר א נוטצען עס ברענגט דער געזעלשאפט אָט די עניוות.

אונזער פרעזידענט, דער באליבטער **איברעהעם לינ-קאָלן** האָט געזאָגט אז אלע מענשען זיינען געבארען פריי און גלייך דאריבער דארפען נים זיין קיין פארשקלאפטע.

הערט א געשיכטע:

ביי אונז אין שוהל האָט א איד אָנגעפאנגען טאַנצען און שרייען הויך אויפ'ן קול **ברוך שאמר והיה העולם! איב-רעהעם לינקאָלן! איברעהעם לינקאָלן!**

מיר אלע מתפללים האָבען זיך דערשראָקען פיליכט איז דער איד נים בקו הבריאה. — וואָס שרייט איהר ר' איד? וואָס טאַנצט איהר? פרעגען מיר איהם. — סטייטש, ווי אזוי זאָל איך נים טאַנצען, האָט דער איד געענטפערט, אז איך זעה ווי אונזערע אמעריקאנער פרעזידענטען האָבען פארשטאַנען אזוי פיעל די תורה. די ר"ת פון **ב**רוך **ש**אמר **ו**היה **ה**עולם מיינט דאָך **בשוה**, אַז מיר אַלע זיינען געבאָרען גלייך! אָט דאָס האָט דאָך געזאָגט דער חסיד פון די אוה"ע איברעהעם לינקאָלן.

אייב לינקאָלן האָט געפּראַקטיצירט וואָס ער האָט גע־פּרעדיגט. א דיפּלאָמאט האָט געטראָפען דעם פּרעזידענט לינקאָלן פּוצענדיג זיינע שיך. האָט דער דיפּלאָמאט איבערראַשט איהם געפרעגט: סטייטש, מר. פּרעזידענט! איהר אליין פּוצט אייערע שיך?! —גאַנץ גערוים. נו און וועמענס שיך פּוצט איהר ?— האָט איהם דער פּרעזידענט געענטפערט.

אייבערהעם לינקאָלן האָט געהאלטען אז קיינער דארף ניט פּוצען יענעמ'ס שיך, ד. ה., זיין פארשקלאפט און חנפ'נען זיך צו יענעם — גלייכהייט האָט ער געפּרעדיגט און עס אזוי גע־פּראַקטיצירט.

רבותי! אָט דאָס איז דער יו"ט **פסח**, דער זמן חרותינו! **בשוה** — מיר דארפען זעהן אז די אָרימע לייט זאָלען ניט דארפען חו"ש זיך ערנידעריגען און בעטען מצות. מיר דארפען זיי געבען מיט כבוד נאָך איידער זיי בעטען. ווייל מיר דארפען זיך דערמאָנען ווען מיר זיינען אליין געוועזען אָרימע שקלאפען! דער הויפּט פּסוק פון דער תורה איז: „ואהבת לרעך כמוך" בס"ד קדושים.

איז דאָך א קשיה, ווי קען מען ליעב האָבען איין אנדער מענשען ווי זיך אליין? נאָר דער ענטפער איז: „רעך", די אותיות **ר ע ך** וועלכע זיינען חברים אין אלף בית מיט די אותיות **ש פ ל** ביי דעם ריש איז דאָ א שין, א.ז.וו.

א יוד, ווען ער איז קליין, איז ער א יוד און ווען ער איז גרוים איז ער דאָך ניט קיין יוד נאר א וואָו. און דער ווארט „עניו" שרייבט זיך מיט א יוד.

ואהבת — דו זאָלסט ליעב האָבען צו זיין ביי זיך **שפל** און מיטפיהלען די לאגע פון דעם אָרימאַן.

מיר דארפען אָנמעסטען די אָרימקייט, די נויט, די יסורים פון דעם עלענדען, פון דעם קראנקען און פון דעם נויטליידענדען אָרימאַן אויף זיך און באַטראַכטען אז דער אָרימאַן איז דאָך

אזא יחסן ווי מיר, און דאָך האָט איהם דער שיקזאל געבראכט צו אזא שטופע אז ער האָט ניט אויף יו"ט, אויף פסח, אויף דעם טאָג פון פרייהייט, האָט ער ניט וואָס צו עסען. — דער אָרימאַן איז דאָך אונזער אייגען בלוט און פלייש און די נויט קען דאָך אלעמען חו"ש טרעפען, „גלגל הוא החוזר בעולם".

די גמרא אין ברכות דף ג' זאָגט: „אשרי המלך שמקלסין אותו בביתו כך, ומה לו לאב שהגלה את בניו, ואוי להם לבנים שגלו מעל שלחן אביהם". — פרעג איך אייך, **רבותי!** ווארום זאָגט די גמרא מה לו לאב און אוי להם לבנים, ווארום זאָגט ניט די גמרא „מה להם לבנים" אזוי ווי פריהער. נאָר דער ענטפער איז פשוט: דער רבש"ע איז טאקע אויך ניט צופרידען וואָס מיר זיינען אין גלות, אָבער אונז איז נאָך פיעל ערגער, ווינד און וועה! איז נעביך דעם אָרימען אידען אין גלות אוי! אָך און וועה אז מען דאַרף אָנקומען צו מענשליכע גאָב, אַז מען ווערט פערטריבן פון דעם טיש פון דעם אַלמעכטיגען ג־ט! —דער פשט איז: מה לו לאב ? וואָס האָט דער רבש"ע ? אָבער אוי להם לבנים !

תתן אמת ליעקב חסד לאברהם קען מען טייטשען אזוי: דער רבש"ע אז ער גיט אפילו אומזיסט א מתנה צו יעקב'ן ווייל ער וויל טאָהן א חסד מיט דעם טאַטען אברהם'ן, גיט ער מיט איין אמת, ניט קיין געבלאָפטע מתנה. אָבער די מענשליכע גאָב, ר"ל, איז דאָך ניט אין גאַנצן מיט איין אמת.

דער עיקר, רבותי! לעגט ניט אָפּ די נתינה פון מעות חטין — אויב איהר האָט ליעב אָפּלעגען, טאָ לעגט אָפּ א הוסט ביי היטלער'ן, ימ"ש, — ווילט איהר דאָך וויסען וויאזוי מען לעגט אָפּ א הוסט ביי איין אנטיסעמיט? טאָ הערט זיך איין!

איך געה מיר אזוי אויף ברום סטריט, הער איך ווי א איד זינגט הויך אויפ'ן קול: איך קויף! איך קויף, אלטע זאכען, אלטע שיך, — איך בין שטאַרק פאראינטערעסירט געווארען אין דעם הויכען קול, ווייל איך האָב געזוכט פאר מיין בראנקסער שוהל א חזן מיט א הויכע שטימע. געה איך מיר און וואטש דעם אידען

מיט דעם הויכען קול. אַט שטעלט זיך דער איד אַפּ ביי אַ הויז, און זינגט אוים: איך קויף, איך קויף, א. ז. וו.

רופט זיך אָפּ אַ דייטש צו דעם אידען: קויפען זיי מיין הוסט! איך הוסט, בין פארקיהלט, וויל איך עס פארקויפען! — זאָגט דער איד מיט דער שטימע צום דייטש: ווי לאנג הוסטען זיי, הערר היטלער ? אַ, ניט זאָ לאַנג, ענטפערט דער היטלער. — גאנץ גוט, זאָגט דער איד, הוסטען זיי ביז 1943 עס זאָל ווערען איין אַלטער הוסט, ווייל איך האַנדעל נאָר מיט אַלטע זאַכען.—

אַט דערפאַר, רבותי, זאָג איך צו אייך, און איך מיין חלילה ניט קיין בייז, — אויב איהר האָט ליעב אָפּצולעגען, לעגט אָפּ אייער הוסט ביי היטלער׳ן אָבער לעגט ניט אָפּ די מעות חטין! די אָרימע לייט דארפען עס זעהר נויטיג!

אין **מוסף** ר״ה זאָגען מיר: „רחם ארחמנו״ —דאָפּעלטע ווערטער, איז דער פשט אזוי: אויב איהר וועט רחמנות האָבען אויף די אָרימע וועט ג-ט רחמנות האָבען אויף אייך. אויב רחם, איז ארחמנו!

די תורה זאגט (אין האזינו) „כי דור תהפוכות המה״: פארקעהרטע מענשען. אז א איד עסט תשעה באב, פארענטפערט ער זיך אז היינטיגע דורות זיינען שוואכע, אָבער אז מען בעט ביי דעם זעלבען אידען אויף לחם עניים, זאָגט ער די אָרימע לייט זיינען ניט קראנק צו ארביי־טען. ברידער! זייט ניט קיין פארקעהרטע מענשען.

„בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל״ (מס׳ ר״ה דף י).

איז דאָך אייגענטליך קשה: די גמרא אין סנהדרין צ״ח זאָגט דאָך: אין משיח בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכים. — האָט דאָך די גאולה קיין שייכות מיט די חדשים ניסן אדער תשרי.

נאר דער טייטש פון דעם ווארט „פרוטה״ איז: פרטיות דאָס מיינט: (סעלפישנעסס) אזוי ווי אין ניסן אָדער אין תשרי זיינען מיר אלע געווארען גליך, אדער אלע ארוים פון שקלאפעריי, אזוי וועט משיח קומען ווען מיר וועלען באטראכטען דעם אָרימאן אלס אונזער גלייכען.

איינגענטליך פארוואס האָט יוסף געדארפט זאָגען צו פרעה'ן: ועתה ירא איש חכם ונבון? פרעה האָט דאָך איהם בלויז געבעטען פותר חלום זיין, אָבער ניט קיין עצות, נאר עס איז מעגליך אז פרעה האָט געפרעגט יוסף'ן, סטייטש, בפסח איז דאָך נידונין על התבואה און די גמרא זאגט דאָך דא אין דף י אז בר"ה יצא יוסף מבית האסורים טא ווי קומט עס ר"ה א חלום וועגען תבואה? זאגט יוסף צו איהם, אזוי ווי איך אלס מענש ווער דאָך יעצט געמשפט אום ר"ה, ועתה ירא . . . איש חכם ונבון . .

רבותי ! דערפון קענט איהר זעהן, אַז פסח איז אויך א יום הדין, טאָ גיט צדקה וועט איהר זוכה זיין בדין.

אַ איד זאָגט צו א בלינדען אָרימאַן: איר זעהט דאָך גאַנץ גוט, טאָ וואָס בלאָפט איהר ?

ענטפערט איהם דער אָרימאַן : — די קאָנקורענץ איז אזוי גרויס צווישען די אָרימע לייט, אַז אַפילו אַ בלינדער מוז זעהען, כדי צו קעמפפען פאר א לעבען רבוש"ע ! ותחזינה עינינו בשובך לציון, — וועלען די אָרימע לייט ניט דאַרפען, נעביך, אזוי קעמפפען.

עס זאָל שוין זיין תחית המתים, ווייל אָרימע לייט זיינען דאָ אַ סאַך. „ובני י"ש פרו וישרצו וירבו... ותמלא הארץ אותם": זיי ליגען, נעביך, אין דער אַדמה (ותמלא האָרץ)

צו

דרשה א — לבר מצוה

זאת תורת העולה היא העולה

הואיל ואתם מתעסקין בהן, מעלה אני עליכם כאילו אתם מקריבים . . . זאָגט דער מד"ר;— דער וואָס לערענט די תורה פון די קרבנות, איז גלייך ווי ער איז מקריב די קרבנות. — זאת תורת: אָט די תורה! היא העולה, איז גלייך ווי דער קרבן עולה.

רבותי! אָט די פראַגע: פאַרוואָס דאַרף גאָט קרבנות? און פאַרוואָס זיינען די קרבנות מכפר אויף חטאים?

ווען א מענש זינדיגט, ברענגט ער א בהמה, חיה, ועוף, אלס קרבן, און זיינע זינד ווערען איהם פאַרגיבען. — אָט די פראַגע עגבווירט שוין אין מיין מח פון זינט איך האָב נאָך אלס חדר איינגעל חומש געלערענט. דער ענטפער, רבותי, איז:— אין די קרבנות איז געוועזען א דעמאָנסטריישאָן אראָפּצורייסען די אבערגלויבעריי, די נאַרישע געצענדינעריי. אזוי ווי צום ביישפּיעל, דער ק"פ וואָס האָט אראָפּגעריסען די ע"ז פון מצרים.

די תורה זאָגט אין דער סדרה **שמיני**, קח לך עגל ב"ב לחטאת — זאָגט רש"י, להודיע שמכפר לו הקב"ה ע"י עגל זה על מעשה העגל והא דאין קטיגור נעשה סניגור, וכו'.

רבותי, כדי צו פאַרשטעהן די רש"י וועל איך אייך ברענגען א משל: א איד וואָס זוכט כבוד, האָט אויף זיך ארויף געצווינגען א הלוקא דרבנן, און האָט אָנגעהויבען מרביץ תורה זיין, אין שוהל. ווען איין אָרימער דרשן פלעגט אַמאָהל קומען אין שוהל, האָט מען איהם ניט געלאָזט דרשנ'ען, ווייל זיי האָבען דאָך איינעם וואָס איז שוין מרביץ תורה. — איז איינמאָהל גע-

קומען אין שוהל א דורכגעטריבענער דרשן און האָט אָנגעפאנגען פרעגען אַט דעם למדן פון שוהל, פערשידענע קשיות אין פשט פון דער תורה און דער למדן איז געבליבען אַזוי ווי דער גויאישער אָפּגאָט, פה להם ולא ידברו, אזנים להם ולא ישמעו, ד. ה., ער וויים ניט פון זיינע הענט און פיס. אז דער למדן פון שוהל האָט דערזעהן אז ער האָט די מלחמה פארלוירען האָט ער זיך באלד צוריק געצויגען. דער דרשן האָט אָבער געפאָדערט עפ״י דין מעהר ווי דאָס — אזוי ווי דער למדן קען דאָך ניט, און ער האָט מבזה געוועזען די אָרימע דרשנים, בכן זאָל ער פון יעצט אָן ווערען א נכנע צו אלע דרשנים און דורך דעם זאָל דער כח פון דער תורה נתגלה ווערען.

אָט דערפאר, רבותי, האָט דער איינציגער אלמעכטיגער ג-ט געהייסען אז מען זאָל אָט דעם אָפּגאָט שעכטען, און זאָל די וועלט זעהען אז דאָס איז ניט קיין גאָט.

יעצט פארשטעהען מיר די רש״י, אז דער קטיגור מוז דאָ זיין א סניגור! אָט דאָס זאָג איך צו דעם בר מצוה בחור׳ל, — זוהנעלע! היינט ווען דו ביזט 13 יאָהר אלט, און 13 איז בגימ״ט **אחד** — זאָלסטו בעגרייפען, זוהנעלע! — אַז דער הויפּט פרינציפּ פון דער אידישער אמונה, איז **אחד**, בלויז איין גאָט איז דאָ אויף דער וועלט, אָט דאָס איז אין די פרשיות פון די תפילין, **אחד** !

איך האָב מיט איניגע וואָכען צוריק געפרעגט א **בר מצוה** בחור׳ל, אויב ער זאָגט צו צו לעגען תפילין, האָט דער בחור׳ל געשוויגען. פרעג איך זיין טיטשער, סטייטש, לאות על ידך, האָט מיר דער טיטשער אָנגעצייגט אויף דעם בחורל׳ס האנד א זייגער, און געזאָגט: זיין מאַמע האָט איהם שוין פארזארגט מיט לעת על ידך.

רבותי! ווען די מאַמע וואָלט אָבער וויסען אז אין די פרשיות פון די תפילין איז דאָ די מצות פון דער תורה און די תורה הייסט רעספּעקטירען עלטערען, כבוד אב ואם, און אז מען רעספּעקטירט עלטערען האָט מען לאנגע יאָהרען צו לעבען,

(און ניט ווי אַ ישוב'ניק האָט געטייטשט : תל אביב ער מאַכט אַ תל פון זיין טאַטען)—דאַן וואָלט שוין די מאַמע געזעהען, אַז די ערשטע זאַך זאָל דער בר מצוה בחור לעגען תפילין. — די תפילין וואָס דער קינד בינדט אָן אויף זיין האנד אנטקעגען דער הארץ, איז צו בינדען זיין הארץ מיט זיין נשמה צו זיין טאַטען און מאַמען. און האָטש די גמרא מנחות זאָגט אז די תפילין של ראש זיינען מעהר חמור ווי די תפילין פון האנד, דאָך לעגט מען די תפילין פון האנד פריהער ווייל די ערשטע זאַך דאַרף אַ איד האָבען איין אָפענע האנד צו העלפען דעם אָרימאַן, ער דאַרף שטיצען מיט זיין האנד די הייליגע תורה, די ת"ח. ווייל דער וואָס לערענט תורה איז גלייך ווי ער איז מקריב קרבנות, איהר ווייסט ווארום? גאנץ פשוט! ווייל ווען איינער האָט מקריב געוועזען א קרבן האָט ער נעביך געליטען די שאנדע וואָס מען האָט געוואוסט אז ער האָט דאָך מסתמא געזינדיגט, נו, און דער לערנער ליידעט דאָך נעביך גענוג שאנדע אז ער דאַרף מען זאָל איהם העלפען און זאָגען: „בור (בעבור) שנדר על הרב". מען רופט איהם גאָר שלים מזל...דערפאַר איז דער לערנען מכפר אַזוי ווי אַ קרבן.

פאַרשטעלענדיג זיך אין געדאנק דעם שעהנעם תפילין זעקעלע, האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם וואָרט **כים**.

רבותי! עס זיינען דאָ אַזוינע אידען וואָס ווילען געבען צדקה און האָבען נעביך ניומאָניע אין פּאַקעט, און פאַרקערט, אַזוינע וואָס האָבען געזונטע פּאַקעטס אָבער זיי ווילען ניט געבען בענש איך אייך רבותי, אז איהר זאָלט האָבען כסלו — ד. ה. אַ **כים** און אַ **לב**.

רבותי, נאָך אַזאַך האָט איך זינען! עס טרעפט אָפט ביי אַסאַך אידען ווען עס האנדעלט זיך וועגען צדקה פאנגען זיי אָן צו לערנען, כדי זיי זאָלען ניט דארפען געבען קיין צדקה. דאַרף מען זיי פרעגען, אָט די לערנער: **מי יתן? והיה כל עם ה' נביאים** ? —ווער וועט געבען צדקה ? אַז אַלע וועלען זיין נביאים ? אַז אַלע וועלען לערנען ? און דער נביא ירמיהו זאָגט

דאָך הייַנט „וארשתיך לי בצדק ובמשפט, בחסד וברחמים", דאָס מיינט דאָך צדקה! דו, בר מצוה בחור׳ל, זאָלסט וויסען, אַז די ג"מ אין שבת קנ"ג זאָגט: בכל עת יהיו בגדיך לבנים אלו ציצית ושמן על ראשך, אלו תפילין. — די תפילין אין וועלכע עס זיינען דאָ די פרשיות פון דער תורה זיינען געגליכען צו בוימאייל, ווייל בוימאייל געהט אלע מאָהל ארויף אין דער הויך, אזוי איז די תורה, די העכסטע חכמה, און די תורה איז א מעין הנובע, אזוי ווי ביי דער שונמית, וואָס פון איין קריגעלע האָט זי אָנגעפילט אסאך קריגעלעך מיט בוימאייל.

הרשה ב — יבמות כה — אדם קרוב אצל עצמו

די טענה „אדם קרוב לעצמו" טענה׳ט פאַרקעהרט. אין צו אלא לשון זרוז. בלשון אַמעריקאַ: **האַרי אַפּ**! ווען איך דערמאָן זיך, שמייכעל איך.

אַ איד באַגעגענט איין אַנדער אידען. פרעגט ער איהם:— וואו געהסטו דאָס אזוי שנעל? דו ווייסט דאָך, ענטפערט דער איד, היינטיגע קינדער, מען קען זיך אויף זיי ניט פארלאָזען, געה איך מיר באַשטעלען ביי יאנקעל דעם שניידער, די לבנים אויף לאחר מאה שנים. לקיים: בכל עת יהיו בגדיך לבנים. — שוטה! זאָגט צו איהם דער איד, טאָ וואסזשע געהסטו צו יאנקעל פארטאָטש? ביי איהם קען עס דאָך געדויערען פילייכט זעקס מאָנאַטען! וואָס דארפסטו אזוי לאַנג וואַרטען?

רבותי! אָט די נארישקייט האָב איך אויך באמערקט! מען באזארגט זיך מיט סעמעטערי, מען דארף זיך אָבער באַזאָרגען מיט וואָס צו לעבען, מיט „צדקה תציל ממות", מיט חנוך הבנים, מיד ולדורות (רש"י), מען דארף זעהן באזאָרגען די קינדער זאָלען וויסען די אמת׳ע תורה. זאת תורת! צו ערציהען קינדער דארף מען באנוטצען דעם „הארי אפּ" — נאַפּאָלעאָן האָט געזאָגט: די ערציהונג פון א קינד פאנגט זיך שוין אָן ווען עס איז נאָך ביי דער מאמען אין בויך. דאָס איז ניט קיין גוזמא פון

רבב״ח, דאָס מיינט : מען דאַרף ערציהען די מאַמעס, וועלכע דארפען זיין די ערציהערינס פון די קינדער. (די מאַמעס זאָלען ניט זיין בלויז ערציהערינס פון דעם מאַנ׳ס קעשענעס.)איך זאָג עס ווייל עס זיינען דאָ אסאַך ערציהערס וואָס זייער חכמה באַשטעהט אין ציהען קאָלעקשאַנס פון די פאקעטס, (ערציהער פון פאקעטס, קרוב לעצמו-ניקעס).

צו לשון זרוז — האָרי אָפּ ! זאָראָז בלע״ז.

איילט **צו** די קינדער צו לערנען תורה, ווייל דער יצר הרע איילט שנעלער פאר אייך. מיר וואָלטען פיליכט געקענט לערנען אָט די מדה פון דעם יצהר״ע, וואָס ער לעגט ניט אָפּ אויף שפּעטער, ער פארשלאָפט ניט, ער ארבייט פלייסיג—דער אמת אָבער איז, אז די אורזאכע פארוואָס דער יצהר״ע איז אזא מתמיד, ווייל **ער** האָט ניט קיין יצר הרע וואָס זאָל **איהם** שטערען אין זיין ארבייט.

ירדה תורה לסוף דעתו של אדם, די תורה האָט דאָך געוואוסט פון דעם מענשליכען האראקטער, אָט דערפאר זאָגט זי **צו**, ל׳ זרוז. — ערקלעהרט אָט דעם יצר הרע א בליצקריעג! שלאָגט איהם מיט זיינע אייגענע וואפען, דער יצהר״ע פארשטעלט זיך, ער שטעלט פאר עבירות אלס מצות, ער פאַרבט זיי אָפּ מיט אזא פארב, ער איז א גרויסער פארבער, א גרויסער בלוט פארגיסער, א מלחמה טיראן. זיינע רייד און טענות זיינען אלעמאָהל: איך בין נויטיגער פאר יענעם, מיין בלוט איז בעסער און ריינער פאר יענעם׳ס,

דו, אדם קרוב לעצמו, דו זאלסט וויסען אז די תורה זאָגט (אין דער סדרה ואתחנן :) — אנכי עומד בין ד׳ וביניכם,-דאָס מיינט, אָז דער מענש וואָס זאָגט אָנכי(קרוב אצל עצמו!), טהיילט איהם אָפּ דער אָנכי פון גאָט. דער אָנכי איז מפסיק בין ד׳ וביניכם.

דאס קען מען פארשטעהן על פי משל : א טאַטע מיט א זוהן זיינען ביידע וועכטער אין א וואלד. עס איז ווינטער,

ס'איז קאלט, זיי האָבעןביידע בשותפות'דיגע געלד, צען דאָלאר. פאר צען דאָלאר קען מען קויפען א פעלץ. וויל דער טאַטע דעם פעלץ פאר זיך און דער זוהן וויל דעם פעלץ פאר זיך. געהען זיי אריין אין שטאָדט זיך משפט'ען ביי דעם רב.

זאָגט דער רב: ליעבע אידען! עס איז א שווערע דין תורה, מיר וועלען זעצען עטליכע חשוב'ע בעלי־בתים אלס בוררים. זיינען די אידען איינשטימיג זאָלען זיין בוררים. זאָגט דער רב: איך וויל נאָך עפּיס פון אייך, איהר זאָלט טענה'ן פארקעהרט. דער טאַטע זאָל טענה'ן ער וויל דער זוהן זאָל טראָגען דעם פעלץ און דער זוהן זאָל טענה'ן ער וויל דער טאַטע זאָל טראָגען דעם פעלץ. ווען די ביידע אידען האָבען אזוי געטענה'ט, האָבען די בוררים אזש געוויינט פאר רחמנות, דאן האָט איינער פון די בוררים געזאָגט: מיינע חשובע ברידער און רבי! ווען די ביידע גוטע אידען וואָס האָבען רחמנות איינער אויף דעם צווייטען וואָלטען געהאט צוואנציג דאלאר אויף צוויי פעלצען וואָלטען זיי דאָך ניט געקומען צו אונז, בכן לאָמיר זיי געבען נאָך צען דאָלאר וועלען זיי ביידע האָבען ווארימע קליידער, — און תומ"י האָט מען זיי געהאָלפען.

רבותי! טענה'ט איהר אויך פארקעהרט, לערענט אייערע קינדער טענה'ן פארקעהרט, מיד ולדורות!

איך וועל אייך דערצעהלען איין עפּיזאָד, וויאזוי א איד האָט געטייטשט אַ פּסוק מיט א פאַרקעהרטען פשט: **בכל עת יהיו בגדיך לבנים**. האָט ער זיך געמאַכט תכריכים און ער האָט די תכריכים אריין געלעגט אין א שעהנע גאָלדענע קעס־טעלע, וועלכעס ער האָט אַלע מאָהל מיט זיך ארום געפיהרט. איינמאָהל זיצט ער מיט נאָך רייכע לייטע, און געוועהנליך, די קעסטעלע ביי זיין זייט. געהען אריין רויבער, און אזוי ווי זיי האָבען דערזעהן דאָס קעסטעלע, דענקען זיי מסתמא איז דאָרט דאָ די גאנצע געלד, האָבען זיי עס א חאַפּ געטוהן און אנטלאָפען. האָבען די אנדערע גבירים אויף איהם רחמנות געהאט, וואָס ער האָט אזא שאָדען און זיי האָבען געוואָלט איהם געבען חאָטש

עטליכע דאָלאַר יעדער, אָבער דער באַרויבטער איד האָט געזאָגט: איך וויל קיין זאך ניט, איך וויל נאר איין בקשה פון גאָט: אז זיי זאָלען עס נוטצען וואָס שנעלער. — די תורה איז א סם חיים, מיט אלע פשט'לעך, אפילו פארקעהרטע, און עם־הארץ'ישע.

א איד פרעגט מיך אמאָהל: ווארום זאָגט דער פסוק אין תהלים צ"ב, שתולים בבית ד' בחצרות אלקינו יפריחו. — איינ־געפלאנצט אין ג־ט'ס הויז, און זיי בליהען אין די הויפען פון אונזער ג־ט — סטייטש! דאָרטען וואו מען איז איינגעפלאַנצט דארטען דארף מען דאָך בליהען, האָט דאָך דער פסוק געדארפט זאָגען: שתולים בבית ד' בבית אלקינו יפריחו. — ווארום טהיילט פאנאנדער דער פסוק דעם אָרט פון פלאנצונג פון דעם אָרט פון בליהונג.— האָב איך דעם איד א פרעג געטוהן: זאָגט מיר ר' איד איהר האָט געהערט דעם רב אייערען היינטיגען שבת זאָגען א דרשה? זיכער, האָט דער איד געענטפערט. — פרעג איך איהם: קענט איהר מיר פילייכט איבערזאגען דעם אינהאלט פון דער דרשה. וואָס האָט ער געזאָגט? חו"ש, האָט דער איד געענטפערט. זאָל איך אזוי ויסען פון א בייזע וועטשערע, ווי איך געדענק וואָס ער האָט גערעדט.

אָט דאָס, מיין פריינד, זאָגט דער פסוק: **שתולים בבית ה'** אז איהר זיצט אין שוהל ווען דער רב זאָגט די דרשה, זיצט איהר ווי איינגעפלאנצט אויף איין אָרט, אָבער אזוי שנעל ווי איהר געהט ארוים אין דרויסען, בחצרות אלקינו, — יפריחו — פליהט אוועק ביי אייך פון זכרון אלעס וואָס דער רב האָט געזאָגט. — אָט האָט איהר א פארקעהרטען טייטש פון דעם וואָרט יפריחו. אָבער דאָך איז עס גוט צוגעפאסט צו אונזער יעצטיגער צייט.

דוד המלך ע"ה, האָט דאָס באמערקט צווישען דעם עולם צוהערער, דערפאר האָט ער געזאָגט **לכו בנים שמעו לי** (תהלים ל"ד), ד. ה. אז ווען איהר געהט שוין אוועק פון ביהמ"ד זאָלט איהר געדענקען אלעס וואָס איהר האָט געהערט. אויב דאָס איז ניט אזוי דער פשט וואלט ער דאָך געדארפט געווען זאָגען באו שמעו לי, ניט „לכו".

אַ מלמד האָט אַמאָהל אויסגעטייטשט דעם פסוק אַזוי: אָדער לכו בנים געהט אַוועק פון ת״ת, אָדער אויב איהר ווילט ניט אַוועקגעהן, טאָ — שמעו לי!

למשל דער מאמר פון הלל הזקן אין פ׳ א׳: „אם אין אני לי מי לי, וכשאני לעצמי מה אני״? — איז דאָך אונמעגליך צו פארשטעהן — עס איז דאָך דברים הסותרים זא״ז.

נאָר מיר מוזען דאָרטען גיבען א פשט׳ל.

אם אין אַני, אַז מיר זיינען ניט ביי זיך אַליין אין הויז, נאר צווישען מענשען אין א פובליקום, דאן דארפען מיר זיך ניט שעהמען און קעמפפען פאר דעם אָרימאַן, ווייל מיר דארפען וויסען אז **מי לי**? אויב אלע ווערלען שווייגען ווערלען דאָך די שלעכטע מענשען צודריקען דעם אָרימאַן, אָבער **וכשאני לעצמי** ביי זיך אַליין דאַרפן מיר וויסען דעם אמת אַז **מה אַני**? ד. ה. מה חיינו ומה צדקותינו? וואָס פאר א ווערט האָבען מיר, אומשטיינס געזאָגט? זעהט-זשע, רבותי, טענה׳ט פאַרקעהרט דעם „אָדם קרוב אצל עצמו!

דרשה ג — העלפט די וואנדערער

אר״ש ביותר צריך ה״כ לזרז במקום שיש ח״כ.

רבותי! איך האָב באמערקט אז עס איז דאָ נאָך א געלעגענהייט וואו מען דארף שטארק מזרז זיין. און דאָס איז אז מען זאָל ניט ריידען קיין להר״ע אויף אידען, ניט מבטל זיין קיינעם.

די תורה זאָגט אין סדרה חקת: **אשר אין בה מום, אשר לא עלה עליה עול** — ליגט אין די ווערטער דאָרטען אָט די כונה אויך, אז ווען א מענש דענקט אז ער איז בעסער פון איין אנדערען און ער האָט אין זיך ניט קיין מום, איז א סימן מובהק אַז ער האָט אויף זיך ניט דעם יאָך פון דער תורה (אשר אין בה מום, סימן אשר לא עלה עליה על). עס איז אַ גרויסע עולה, אַ שולד אויף דעם מענשען וואָס זוכט פעהלערען אויף יענעם, בלה״ק הייסט אַ שולדיגער „אָשם״, ר״ת **ש**וטה **א**ינו **מ**רגיש— ער פיהלט ניט זיינע אייגענע פעהלערען און רעדט אויף יענעם.

איבערהויפט דארף מען וויסען, אז מיר אידען זיינען אין גלות, אהן א היים, אהן א לאנד, נע ונד. און אין דעם וואנדערען איז שווער צו זיין אהן פעהלערען, „והאיש אשר הוא טהור" איז „ובדרך לא היה" מסתמא איז ער קיינמאהל ניט געוועזען געשטראפט נע ונד צו זיין... ווייל „ובדרך" איז שוועהר צו זיין אינגאנצען טהור. און מיר זיינען דאך שוין אזוי לאנג אהן א לאנד, אהן א היים... בדרך! כל רדפיה השיגוה בין המצרים: אפילו די אידישע שונאים האבען משיג געוועזען די גרויסע חכמה פון אידען, ווען אידען זיינען וואנדערער אין גלות בין המצרים! אט דאס זאגט רש"י: במקום שיש ח"כ. אט די וואנדע־רער, נעביך, מוזען דאך אנקומען נאך הילף און זיי ברענגען אויף דעם פאלק א חסרון כים. געווענליך קען מען דאך געפינען אויף די וואנדערער חסרונות און פילייכט עולות. דערפאר דארף מען מזרז זיין, אז מען זאל אויף די וואנדערער ניט זוכען קיין חסרונות קיין עולות. זאגט דעם „אדם קרוב אצל עצמו" פארקערט: אז ניט קענט איהר ח"ו האבען אזא פסק ווי יענער איד, א קרוב לעצמו'־ניק, וואס נעמט צו זיך די פיש און גיט דעם אורח די יויך און זאגט בשעת מעשה: אדם קרוב לעצמו. דאן נעמט דער אורח און גיסט איהם ארויף אויפ'ן קאפף די יויך און זאגט: וזרקתי עליך מים טהורים...

אין פרק לערנען מיר: **האומר שלי שלי, ושלך שלי, רשע**. איז דאך א קשיה: וואס זאגט דא דער תנא, וואס מיר וואלטען אליין ניט געוואוסט? נאר דער פשט דארטען איז אזוי: דער פארמעגליכער מענש, וואס זאגט מיינס איז מיינס און דאס וואס דו האסט קען איך אויך פון דיר אפקויפען, וועט דאך עס זיין ממילא מיינס, „שלך שלי", ווייל דו ביסט דאך ארים, וועסטו דאך פארקויפען. איז האטש ער קויפט דאך פון יענעם, איז ער א רשע, ווייל ער דארף אנערקענען אז אלעס בעלאנגט צו ג־ט „והארץ לא תמכר לצמתת".

אין דער סדרה משפטים זאגט די תורה: כי יתן איש אל רעהו כסף או כלים לשמר. טייטשען די מחקרים אזוי: איש מיינט מען דעם רבש"ע!(ד" איש מלחמה)און רעהו מיינט מען א איד(למען אחי ורעי). ד"ה, אז דער רבש"ע גיט א אידען געלדט כסף, איז עס נאר בתור פקדון: לשמור ולעשות צדקה.

שמיני

הספד על צעיר לימים

וידם אהרן: פון גרויס צער האט אהרן גארניט געקענט ריידען. ווען א מענש ר"ל ווערט באפאלען פון שרעקליכע יסורים פארלירט ער זיין שפראך און וויים ניט וואס צו זאגען.

רבותי! די גמרא אין ברכות דף מ"ג זאגט: „אמר רב יהודה, האי מאן דנפיק ביומי ניסן וחזי אילני דקא מלבלבי, אומר ברוך שלא חיסר בעולמו כלום וברא בו בריות טובות".

ווען א מענש געהט ארוים אין פריהלינג צייט, און זעהט ווי די בוימער בליהען, ווי די בוימער באדעקען זיך מיט'ן יונגען צווייט, מיט בלומען וועלכע גיבען ארוים פון זיך אזא טייערען געשמאקען אראמאט, ווי די בלומען שטארקען און קרעפטיגען דעם בוים. אלעס איז דאך אזוי שעהן, אלעס לעבט, דאן דארף א מענש זאגען: רבש"ע! דו האסט באשאפען א שעהנע וועלט, קיין שום זאך האסטו ניט פארפעהלט אין דיין וועלט.

אבער יעצט, רבותי! ווען מיר זעהען ווי א יונגער צווייג, א בליהענדע בלום, איז אפגעבראכען פון דעם בוים, און ליעגט אויף דער ערד. **וואס** קען מען יעצט זאגען, רבותי?! אדרבה, רבותי! זאגט איהר אליין וואס קען מען יעצט זאגען?! מיר קענען דאך ניט זאגען אז עס איז א גוטע וועלט!

מיר קענען אבער זאגען דאס, וואס דער נביא ירמיהו האט געזאגט: מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה ואבכה יומם ולילה את חללי בת עמי.

ווארום זאגט דער נביא, אז ער וויל זיין קאפ זאל זיין פול מיט וואסער?

ווייל דער מענש וואָס האָט ניט קיין שכל, און אנשטאָט פאַרשטאַנד האָט ער אין זיין קאָפּ וואַסער, ער פאַרשטעהט ניט אזוי זיין אומגליק, ער באגרייפט ניט אזוי פיעל זיינע צרות! אָט אזא מענשען איז צייטענווייז בעסער ווי דעם מענשען מיט דער גוטער קאָפּ. אָבער אז מיר פארשטעהען יא די צרות מיט די יסורים, וואָלטען מיר האָטש געהאט אין די אויגען א קוואל מיט טרערען און זיך געקענט גוט אויסוויינען, וואלט דאָך אונז גע־ווארען אסאך לייכטער, ווייל שלעכט איז די מענשען וואָס זיינען שווייגענדיגע, און קענען זיך ניט אראָפּ רעדען פון הארצן און זיך אויסוויינען! ביי זיי דריקען די יסורים אויפ׳ן הארצען אזוי ווי א שווערע משא וואָס עסט אויף דעם געזונט ר״ל.

אָט דערפאר, רבותי, וויל איך אלעס אראָפּרעדען פון דעם האַרצען, עס זאָל ניט זיין אַזוי ווי „וידם אהרן״.

רבותי! קהלת זאָגט: „דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת״ — טייטשט אָפּ די ווערטער: איינער שטאַרבט, איין אנדערער ווערט געבארען, און די וועלט שטעהט אייביג!

פרעג איך אייך, מיינע פריינדע! וואָס האָט דאָ קהלת געוואלט אויפקלערען מיט די ווערטער? וואס פאר א נייעס דער־צעלט ער דאָ? דער ענטפער, רבותי, איז פשוט:

ווען איינער ח״ו שטאַרבט און לאָזט נאָך זיך גוטע קינדער אויב אז דער דור הולך האָט געלאָזען א דור באָ, דאן איז ער ניט געשטאָרבען אינגאנצען, ער לעבט מיט זיין אָנדענקען אין דער אייביגער וועלט.

פריינדע! אָט דעם מענשען, וואָס איך בין דאָ מספיד, איז אויך ניט אינגאנצען אָפּגעשטאָרבען, ווייל זיינע גוטע מעשים וועלען איהם אייביג האלטען פריש אין אונזער זכרון, האָטש ער האָט ניט איבערגעלאָזען קיין קינדער. — **תולדותיהן של צדיקים מעשים טובים.** (רש״י בס״ד נח).

רבותי! קהלת זאָגט: עת ספוד ועת רקוד, איז דאָך א

קשיה, ווארום זאָגט ניט קהלת עת לספוד ועת לרקוד, מיט א למד, אזוי ווי ער זאגט: עת לבכות ועת לשחוק. — קוקט זשע, רבותי, אריין דאַרטען אין רש״י.— רש״י זאָגט : עת ספוד בימי אבל, ועת רקוד בחתנים וכלות.

זאָג איך אז דער פשט איז אזוי: עת ספוד: ווי טרויעריג עס איז, אז מען דארף גאר קלאגען אין דער צייט פון וועלכער מען ערוואַרטעט גאר, אז מען זאָל דארפען טאַנצען צו חתונות ! און יעצט איז צו אונזער גרויסען בעדויערען די צייט פון טאנצען פארקעהרט געווארען צו א הספד מיט א געוויין ! **עת ספוד! עת רקוד!** אזא יונגער מענש וואס וואלט געדאַרפט זיין א חתן בחור, שטאַרבט גאַר פלוצים אוועק! דאָס הייסט: „עלה מות בחלונינו״, דער טויט איז ניט געקומען דורך דער טיהר, ווי ער קומט צו עלטערע מענשען, ניין! ער האָט זיך דורך א פענסטער אריין געגנב׳עט ווי א גנב האָט ער אוועק געריבט פון אונז אזא טייערען יונגען מענשען, אזא כשר׳ע נשמה ! ! ! דערפאר זאָגט קהלת אָן א למד, ווייל עס איז ניט קיין צוויי באַזונדערע צייטען, נאָר עס איז די זעלבע צייט פון ספוד און רקוד.

נאָך איין ענטפער איז דאָ ווארום ער זאָגט ניט מיט א למד: ווייל מען איז מבטל דעם „למד״ ד. ה. דעם לערנען צוליעב די צוויי זאכען ווי עס שטעהט אין גמרא כתובות, דף י״ז, — מבטלין ת״ת מפני הוצאת המת וה״כ.

(אז איהר ווילט איז געגנוג)

דרשה (ב) (בעין הספד)

רבותי ! די תורה זאָגט דאָ אין דער סדרה, אז א כלי חרס שנפל לתוכו יטמא, ואותו תשבורו. — דער מענש, רבותי, איז דאָך משול כחרס הנשבר, דער מענש איז דאָך איין ערדענע כלי,

און פון אזוינע יסורים ווערען מיר שטארק צובראכען — אָבער א צובראָכענע, א פארשטויסענע הארץ, פארשעהמט ניט ג־ט, „לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה". (צובראכענקייט העלפט).

ובכן, רבותי ! זאָל זיך שוין ג־ט אויף אונז מרחם זיין ! און זאָל ער היילען די צובראָכענע הערצער, ווייל ער איז דאָך א רופא לשבורי לב.

מען דאַרף אָבער פאָלגען יענעם רב, וואָס האָט געהייסען דעם פרעזידענט פון זיין שוהל, ער זאָל ברעכען דעם קארג . סטייטש, האָט דער פרעזידענט געשריען צו דעם רב, אָט אזוי באַצאָהלט איהר מיר פאר מיינע טובות? — איך מיין ניט דעם קאָרק, נאָר די קארג־שאפט! האָט דער רב געענטפערט.

ווען אַ קארגער גביר איז געשטאָרבען, האָב איך איהם מספיד געווען מיט די פאָלגענדע ווערטער :— שבק חיים לכל חי, מיינט, אַז יעצט , נאָך זיין טויט, לאָזט ער איבער געלדט, מיט וואס פרעמדע מענשען וועלען ערשט יעצט קענען לעבען שבק ער האָט איבערגעלאָזען לכל חי —חיים.

(ווען ער האָט געלעבט האָט ער ניט געלאָזען לעבען).

אַ איד זאָגט צו איין אַנדער אידען : דאָס וואָס עס רעגענט שוין עטליכע טעג איז גוט, עס וועט אַלעם אָרוים שפּראָצען פון דער ערד.

ח"ו ! —האָט דער אַנדערער געענטפערט —איך האָב אויף דעם סעמעטערי צוויי ווייבער. פריינדע ! לערענט זיך אָפּ אַ מאָראַל פון דעם: —מען זאָל אויף אונז ניט זאָגען די זעלבע ווערטער.

(עס זיינען דאָ מענשען, וואָס לאָזען ניט לעבען)

אַ איד זאָגט צו מיר : רבי ! זייט מיר פותר חלום. עס חלומ'ט זיך מיר, אַז היטלער איז געקומען צו מיר אָנגעטהאָן אין פרויען קליי־דער. וואָס איז עס פאַר אַ חלום ?

קיין בייז ניט ! —האָב איך איהם געענטפערט— דאָס מיינט, אַז אייער שווינער וועט קומען צו אייך צו גאַסט...

תזריע

דרשה א — אפיעל פאר לחם עניים

רש"י: א"ר שמלאי כשם שיצירתו של אדם אחר כל בהמה, חיה ועוף, כך תורתו נתפרשה אחר תורת בהמה, חיה ועוף.

רבותי! איך פרעג דאָ אַ לאָגישע קשיה: עס איז אמת טאַקע אַז די באשאפונג פון דעם מענשען איז געוועזען נאָך אלע בהמות מיט די אַלע באַשעפענישען, געוועהנליך כדי דער מענש זאָל קומען אויף אַ פערטיגע וועלט, ווען ניט וואָלטען זיך נאָך געפונען אַזוינע מענשעלעך, וואָס וואָלטען געזאָגט, אַז זיי האָבען באַשאַפען געוויסע זאַכען און זיי האָבען אַ חלק אין דער בריאה. צו דער גאוה פון דעם מענשען וואָלט דאָך גאָר קיין שיעור ניט געוועזען! אַזוי אָבער, זאָגט מען דעם בעל גאוה: „גרויס זיך ניט. דער קלענסטער ווערימעל איז פריהער פאר דיר".

אָבער די תורה פון דעם מענשען ווען ער איז טהור און ווען ניט דאָס, האָט דאָך געדארפט זיין פריהער פון די חיות, ווייל די גאנצע וועלט איז דאָך צוליעב דעם מענשען און דעת התורה.

דעם ענטפער צו דער קשיה קענען מיר געפינען אין דעם מדרש, אויף דעם פסוק: „**זאת תהיה תורת המצורע**" — זאָגט דער מדרש: „הה"ד ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חקי"? דארף מען דאָך פארשטעהן וואָס וויל דער מדרש? איך האָב דעם מדרש געלערענט פון פראקטיקע: עס זיינען דאָ אַזוינע אידען, וואָס ווען זיי דארפען געבען צדקה, ווערען זיי מחוץ למחנה פון די געבער, זיי ווערען לומדים: זיי פאַנגען אָן לערנען משניות אָדער אַנדערע למודים. זיי ווערען פארנומען אין לערנען און ווילען ניט מבטל זיין פון תורה צוליעב דעם אָרימען ברודער.

טייטש איך דעם פסוק אזוי: **זאת תהיה תורת המצורע:**

אַט די תורה וואָס ער לערענט און מאַכט זיך, אַז ער קען ניט מבטל זיין, איז פאַר מחוץ-למחנה׳קעס. **ההי״ד ולרשע אָמר אלקים**: די מדת הדין זאָגט צו אַט דעם למדן: **מה לך לספר חקי?** לערנען תורה איז דאָך אָהן קיין שום ספק די גרעסטע מצוה, אָבער צוליעב צדקה דאַרף מען מבטל זיין תורה. „עת לעשות לה״ איז הפרו תורתך.

איך דערמאָן זיך שמייכעל איך.

אלס גאַסט אין א שוהל, האָבען די בעה״ב מיך ניט געקענט בלויז דער שמש האָט מיך דערקענט. עס איז געקומען צו קשמ״ע — איך לייען קשמ״ע זעהר שטיל און האַלט שנעל ביי דעם וואָרט „אמת״, — צוויי אידען קאָנקורירען צווישען זיך, איינער לייענט הויך אויף׳ן קול „ועצר את השמים״, און דער אנדערער האַלט שוין ביי דעם „ולא תתורו״, גיט דער שמש א וואונק צו דעם בע״ת, עס איז שוין שפעט, וואַרט ניט, זיי זיינען נאָך ביידע ווייט פון אמת.

דרשה ב — גיט צדקה מיט גרויס שמחה

די תורה זאָגט דאָ אין דער סדרה: **אם פרוח תפרח הצרעת, כלו הפך לבן, טהור הוא**. ד.ה., אז די צרעת זעהט מען גוט אָן, דאן איז עס טהור, גאַנץ לאָגיש — ווייל אזאך וואָס אַלע זעהען קען עס ניט טהאָן קיין שאַדען, א מזיק איז נאָר א פאַרבאָרגענער, איין אינוועניגסטער קרענק.

דערפאַר זאָגט די תורה ביי דעם פסוק: ואהבת לרעך כמוך אָני ד״. דער רבש״ע זאָגט: האָב ליעב יעדען מענשען! ווייל איהר זייט אַלע גלייך: כמוך! — טוהט צדקה מיט די אָרימע לייט, ווייל, **אני ד׳** ! מיך קענט איהר ניט בלאָפען ! איין מענשען דעם צווייטען קען זיך צייגען אַלס אַ פריינד און אין אמת׳ען איז ער גאָר זיין שונא. אָבער אָני ד׳ ווייס איך דאָך; מיך וועט איהר ניט אָפּנאַרען ! (איך ווייס דאָך אז איהר קענט געבען) .

די מ״ש אין שבת זאָגט: מי שהחשיך בדרך נותן כיסו לנכרי ואם אין עמו נכרי מניחו על החמור. — אייגענטליך האָט דער תנא געדאַרפט זאָגען: מי שהחשיך לו, ווארום פעהלט דאָ דער וואָרט „לו״? נאָר אויסער דעם דין פון שבת, קענען מיר דאָ אין דער משנה געפינען דעם גרויסען מאָראל פון דעם מענשליכען לעבען. ווייל דער וואָרט „דרך״ מיינט דער לעבען פון מענשען: „דרך החיים״.

דער מענש איז דאָך דאָ אויף דער וועלט אזוי ווי א רייזענ־דער, ער פאָהרט בלויז דורך דיזע וועלט ווי אָ טוריסט.— דער קאַרגער מענש זעהט ניט דעם אָרימאַן גלייך ווי דער וועג איז אָ פינסטערער. אין דער אמת'ען אָבער איז עס גאַנץ ליכטיג. עס איז נאָך ווייט צו שקיעת החמה! נאָר דער קאַרגער מענש, ער איז א פינסטערער, ווייסט איהר רבותי וואס זיין ענדע איז? „נותן כיסו לנכרי״, פרעמדע עסען אויף זיין געלד. „ואם אין עמו נכרי״ אָבער אז ער וויל ניט געבען קיין נכרי, איז דאָ איין עצה: מניחו על החמור! זאָל ער זיך פארלאָזען אויף די ת״ח, וואָס זיי הייסען טאָהן צדקה. ח־מ־ור מאַכט אין ר״ת: **ח**כמים, **מ**רנן **ור**בנן. — איך טייטש אזוי די משנה: מי שהחשיך: דער קאַרגער וואָס פינסטערט אָפּ זיין לעבען, ווייל ער פאַרגינט זיך ניט און גיט ניט דעם אָרימאַן,—איז „ועזבו לאחרים חילם״.——

עס איז דאָ נאָך א קלאסס מענשען וואָס קיין אָרימע לייט גיבען זיי ניט, נאָר זיי זיינען מניחו על החמור:— זיי עסען אַליין אויף, זיי שטאָפּען דעם אייגענעם חומר. אמת טאַקע, אז אין עמו נכרי, אַט די מענשען וועלען פּילייכט ניט לאָזען זייער געלד צו פרעמדע, אָבער דאָך זיינען זיי ניט זיכער אז דער אייגענער חמור זאָל זיי טראָגען לאנג דאָ אויף דעם עולם. דער זיכערסטער וועג איז ווי ר' שמלאי זאָגט: אחר כל בהמה! ער זאָל זיך לערנען א מאָראל אז סוף בהמה לשחיטה, און אזוי איז **סוף אדם למות**. ער דאַרף בעטראַכטען דעם אחר כל בהמה, דעם סוף. —כשם שיצירתו מעפר כך סופו לעפר.

ווען דער מענש איז הו״ש קראַנק, אָדער אין אָ סכנה, ער

ליידעט יסורים, דאן איז דאָ איין עצה: ער זאָל וויינען און בעטען ביי גאָט. ווייל די גמרא זאָגט: (ברכות ל"ב) „שערי דמעה לא ננעלו", איז דאָך א קשיה דאָרטען אין דער גמרא: אויב די טויערען זיינען ניט פארשלאָסען, טאָ צו וואס דארף מען די טויערען?

דער ענטפער איז פשוט : די טויערען דאַרף מען פאַר די שוטים, וואָס דענקען, אַז קיין צדקה דאַרף מען ניט געבען, נאָר מען דאַרף וויינען — .**דמעות** איז אָבער דער טייטש :**ד-מעות**, די טויערען פון די געלד פון צדקה. אָט-די טויערען זיינען ניט פאַרשלאָסען,— בכן, רבותי! גיט געלד אויף לחם עניים,- וועלען זיך די טויערען עפענען פאַר אייך.

ולא ירע לבבך בתתך לו (ראה)

ווען דער אָרימאן בעט ביי דיר זאָלסטו דאן ניט קרעכצען, און דערצעהלען אז דו ביזט אליין איין אָרימאן (ולא ירע לבבך) גיט צדקה מיט שמחה, וועט אייך גאָט העלפען אז איהר וועט האָבען שמחות.

דרשה ג — להחזקת תלמידי חכמים

וגם פי" באָבינו מלכנו

א"ר שמלאי „כך תורתו נתפרשה אחר כל בהמה חיה ועוף".

רבותי! וואָס וויל דאָ ר' שמלאי האָבען, מיט דעם ווארט „נתפרשה"? לפע"ד וויל דאָ ר' שמלאי אויסדריקען אז אזוי ווי דער מענש איז בעשאפען געוואָרען נאָך אלע באשעפענישען כדי ער זאָל קומען אויף אַ פאַרטיגע וועלט, אַזוי קען דער מענש אויך פיעל מעהר לערנען און פאַרשטעהן, דעם פירוש פון דער תורה, ווען ער באטראכט די נאטור פון די אלע חיות.

למשל, מיר לערנען אין פ"ד, „והוי זנב לאריות" —

פאַרוואָס ? קוקט, רבותי, אַרויף צו די לייבען אויפ'ן אָרון הקודש:
איהר זעהט ווי די לייבען האַלטען זייערע עקען אין דער הויך!
די נאטור פון דעם אמת'ן גדול איז, אז ער האלט אפילו דעם קלענ־
סטען הויך, און הויבט אויף דעם נידעריגסטען, אפילו דעם עק!

ווען מיר טייטשען אזוי דעם מאמר: והוי זנב לאריות —
פאַרשטעהען מיר זעהר גוט די שיכות פון דעם: הוי מקדים
בשלום כל אדם. — אַנדערש וואָלט עס ניט האָבען קיין שום
לאָגישע שיכות.

דער תלמיד חכם איז געגליכען צו א חמור, דערמיט
וואָס ער דולדעט און טראָגט אויף זיך די משא פון חכמה. יששכר
חמור גרם . . . ויט שכמו לסבול, אָדער ווי ר"ל האָט געזאָגט:
„מנין שאין דברי תורה מתקיימין אלא במי שממית את עצמו
עליהן" (ברכות סג, ב') מיר טייטשען דאָרטען אין דער גמרא:
במי שממית — אזוי ווי א טוידטער שווייגט, אזוי מוז דער ת"ח
אויך פיעל מאָהל שווייגען. אָבער עס איז קיין צווייפעל ניט, אז
דער ת"ח איז איין „ארי" (ארי: אותיות י־ר־א) (מערקווירדיג!
מיר האָבען אמאָהל געהאט א רב אין קאוונע גראדע מיט דעם
נאָמען ארי, ר"ת: ר' יצחק אלחנן). ארי עלה מבבל (ב"ק קי"ז)

אָט דאָס זאָגט ר' שמלאי: כך תורתו נתפרשה: די תורה
האָט מען ערשט דאן גוט פאַרשטאַנען! ערשט דאן איז זי נתפרש
געוואָרען, ווען מען האָט שוין געלערענט פון די לייבען. — אחר
כל בהמה חיה ועוף!

אייניגע ת"ח גיבען אונז אזעלכע קרעפטיגע, גוטע שטיק־
לעך תורה, ממש ווי מילך „דבש וחלב תחת לשונך"! — איך
דערמאָן זיך, שמייכעל איך:

א פרוי האָט זיך באקלאָגט פאר דעם מילך מאַן אז די מילך
איז זעהר וואסעריג. „עס איז ניט אונזער שולד", האָט דער מילך־
מאַן געזאָגט, די בהמה האָט נעביך געוויינט וואָס איהר מילך טויג
ניט, ווייל זי האָט ניט גענוג קיין גראָז צו עסען." — איך גלויב

איך, — האָט די פרוי געזאָגט, — נאָר איך בעט אייך, זעהט אז אלע טרערען זאָל מען ניט אריינווײנען אין מיין באָטעל מילך... אַזוי קען זיין גיבען די ת"ח וואָסערדיגע תורה. ווייל זיי וויינען, זיי האָבען קיין פרנסה ניט. וואסער אין דרוש.

אָט דאָס זאָגט די גמראָ אין ברכות: „אין הקמץ משביע את הארי", דער קמצן גיט ניט דעם ת"ח, דעם ארי, גענוג אויף פרנסה אז ער זאָל האָבען זאַט צו עסען. די אורזאכע איז, ווייל „אין הבור מתמלא מחוליתו", הבור מיינט מען דעם מענשען,וואָס וויל ניט לערנען און איז לעדיג פון תורה און חכמה, אזוי ווי א גרוב. אָט דעם לעדיגען מענשען איז ווי ווייניג די וועלט, ער ווערט קיינמאָהל ניט פול. ממילא האָט ער דאָך ניט אויף צו שטיצען דעם רב, דעם ת"ח.

די שוהלען זיינען אויך כמעט לעדיג ! „דרכי ציון אבלות" — ווען קומט מען אין שוהל, בלויז צו אבלות, ר"ל. אָדער — דור הולך ודור בא —ווען קומט מען אין שוהל ? ווען איז דור בא ? ווען דור הולך ! ווען ר"ל מען שטאַרבט !

עס איז דאָ נאָך א גרופע אין פרק ה': הולך ואינו עושה . איז דאָך אַ קשיה: ווי באַלד אַז אינו עושה טאָ צו וואָס געהט ער? דער תירוץ איז פשוט: הולך — ער געהט אין שוהל ווייל ער טהוט גאַרניט, ער ארבייט ניט און גיט גאַרניט. הבור: דער ביים-מעגט פון שוהל וואו מען דאווענט א גאנצע וואך, אינו מתמלא— איז פוסטלעך...עס איז אַ הימעל געשריי !

אז איך בין אמאָהל געקומען אין א קאָונטרי שוהל, אלס א גאַסט, און קיין זאך ניט פערלאנגט, האָט זיך דער יו"ר דער-שראָקען און זאָגט צו מיר: מיר האָבען דאָך א רב! — זאָג איך צום יו"ר: איך פערלאנג פון אייך גאָרניט! זאָגט ער צו מיר נאָך אמאָהל: עס וועט אויסקומען צוויי פערד אין איין שטאָהל. . . דער יו"ר איז געווען א יושב על המרכבה.

איהר מעגט מיר גלויבען, רבותי ! אז איך לייד א גרויסען

וועהטאָג אין מיין הארצען, ווען איך דארף אייך דערצעהלען אזא זאך, מיין פנים ברענט אויך פון בזיוניות, פון שאנדע, נאָר איין תירוץ: ולא הבישן למד ! איך וויל דאָך אייך לערנען ! איך וויל אז איהר זאָלט לערנען דעם אמת, דעם טרוקענעם הארטען אמת, די לאגע פון די ת"ח. און איך האָב נאָר איין ווארט אייך צו זאגען אויפ'ן ענדע: **העלפט** די ליידענדע רבנים, די חכמים, די תלמידי חכמים ! זיי זיינען נעביך גענוג פארשעהמט !

איך האָף אז מיינע ווערטער וועלכע זיינען גערעדט מיט'ן פייער פון מיין הארצען, אז איך דערצעהל מיינע אייגענע בזיונות וועלען אריין געהן אין יעדען אידענ'ס הארץ און זיי וועלען שטיצען די אָרימע חכמים און לערנער.

אין דער תפילה פון אבינו מלכנו זאָגען מיר א"מ כתבנו בספר פרנסה וכלכלה. איז דאָך א קשיה ! וואָס דארפען מיר זאָגען דעם וואָרט „בספר" ? עס איז דאָך גענוג צו זאָגען כתבנו לפרנסה וכלכלה? נאָר דער ענטפער איז : מיר בעטען : רבש"ע ! פאַרשרייב אונז אז מיר זאָלען צייט האָבען צו קענען האַלטען א ספר אין האנדט און דערצו אויך האָבען פרנסה וכלכלה, ווייל זעלטען ווען איינער האָט צייט אויףביידע זאַכען. כתבנו בספר וגם פרנסה.

דרשה ד — די נוטיגקייט פון ספרים

כך תורתו נתפרשה אחר כל בהמה חיה ועוף.

רבותי ! וואָרום דארף ר"ש זאָגען דעם וואָרט נתפרשה? מיר זיינען געגאַנגען א גרופע ישיבה לייט זעהן דעם צירק אין קאָוונע. דער פערוואַלטער פיהרט ארום א קליין מענשעלע אויף דער ביהנע און פרעגט איהם אויב ער וויל טשאָקאָלאַד? געווים האָב איך ליעב טשאָקאָלאַד ! האָט דער קארליק גע-ענטפערט. — אויב אזוי וועסטו מוזען ארויסקריגען דעם גרויסען שטיק טשאָקאָלאַד פון דעם לייב, האָט דער פאַרוואַלטער געזאָגט. באַלד איז ארוים א ריזיגער לייב. דער קארליק האָט זיך געראַנ-

געלט מיט'ן לייב. אַט איז דער טשאָקאָלאַד ביי דעם קארליק, אַט איז ער צוריק ביים לייב. אזוי עטליכע מאָהל. דער עולם האָט אפּלאָדירט. שרייט אוים א ישיבה בחור: איך קען דאָס אויך באווייזען ! דער ישיבה בחור שטעהט שוין אויף דער ביהנע. און דער פערוואלטער זאָגט צו איהם: געדענק! עס איז אויף דיין אייגענע ריזיקע. זאָל איך ארוים פיהרען דעם לייב? ניין! זאָגט דער ישיבה בחור. איך מיין אז איך קען אויך באווייזען דעם קונץ וואָס דער לייב האָט באוויזען: איך קען ארויסנעמען די טשאָקאָלאַד פון דעם קארליק'ס מויל. . . אַט דאָס זאָגט ר"ש. נאָכדעם ווי די גרויסע לייבען האָבען מפרש געוועזען דעם ים התלמוד, קענען מיר ישיבה לייט ארויסנעמען דעם טשאָקאָלאַד פון אַט די לייבען און עס איבערגעבען אין אזאַ שפּראַך אַז אַפילו קארליקעס זאָלען קענען געניסן דעם געשמאקען טשאָקאָלאַד פון דער תורה.

אַט דאָס מיינט „נתפרשה תורתו אחר כל חיה. כך היא דרכה של תורה, פת במלח — פת איז גימט' תלמוד. — מען דאַרף בא'טעם'ען דעם תלמוד, דאָס לערנען. מען דאַרף דאָס לערנען גוט מפרש זיין.

דרשה ה

גמילת חסדים און דער נוץ פון ביכער

כדי צו בא'טעם-ען די תורה מוז מען לערנען פון אלעם און פון אלעמען. איך דענק, אַז מען קען טייטשען דעם מאמר פון ר"ש אזוי: כשם שיצירתו, כך תורתו. נתפרשה אחר כל בהמה חיה ועוף. — דער מענש קען געניסען פון דער חיה, איהר פלייש,

איהר ארבייט, און אויך לערנען חכמה און וויסענשאפט פון איהר (איוב לה) מלפנו מבהמות ארץ מעוף השמים יחכמנו. — דערפאר איז דער מענש באשאפען געוואָרען צו דער ענדע.

געוועהנליך, מוז מען זיין צוערשט גוט אָנגעלערנט אין דער תורה, ווייל אויב ניט קען מען זיך חו"ש אויסלערנען פון די חיות שלעכטע חיה'שע מדות און נאַרישקייטען.

די וועלט זאָגט: א פערד פאָהרט דורך די וועלט און בלייבט א פערד. — אז איך דערמאָן זיך שמייכעל איך.

א איד וואָס האָט ביי זיך געהאט איין אויפגעשריבענע דרשה פון וועלכער ער פלעגט זאָגען, האָט איינמאָהל, פאָהרענ־דיג, פארלוירען דעם פאפיער. און ער זעהט ווי דאָס פערד הויבט עס אויף און איידער ער האָט צייט געהאט דאָס צוריק צו כאפען האָט דאָס פערד אויפגעגעסען די גאנצע דרשה.

איז ער אָנגעקומען צו דעם מיטינג וואו מען האָט איהם ערוואַרטעט אלס רעדנער, און ער האָט געזאָגט: פריינדע! מיט מיין דרשה האָט פאסירט איין אומגליק ! נאָר וויסען זאָלט איהר אויב עס וועט קומען א פערד און אייך האלטען א דרשה, זאָלט איהר וויסען אז עס איז מיינע.

רבותי ! איך זאָג אייך בלי גוזמא, אז מיר האָבען יעצט אסאך פערדישע רעדנער . . . אָבער תורה אָהן ערפאהרונג אין לעבען איז אויך ניט קאָמפליט.

הערט איין עפיזאָד:

מען האָט געוואָלט גרינדען אין א שטעדטעל א גמילת חסדים. ברענגט מען א ישיבה בחור, ער זאָל אויפקלערען די נויטיגקייט פון א גמ"ח. דער ישיבה בחור פאנגט אָן זיין רעדע:

רבותי ! א ישוב'ניק קומט אין דער ישיבה נעמען איין אידים. פרעגט איהם דער ראש הישיבה: איהר האָט עפּיס א געראָטענע

טאַכטער? חו"ש! האָט דער ישוב'ניק געענטפערט. איך דאנק גאָט וואָס איך האָב ניט קיין מיידלעך. — טאָ צו וואָס דאַרפסט איהר איין איידים? פרעגט דער ר"י פארוואונדערט. — איהר פאַרשטייט, רבי, מיר האָבען אין דאָרף ציגען, בהמות, גענז היהנער און אַפילו חזירים זעהען מיר ביי די גויים. טאָ זאָל שוין זיין איין איידים אויך. — אזוי, רבותי, האָט איהר דאָ אין דעם שטעדטעל אַט די אלע זאכען. טאָ זאָל שוין זיין א גמילת חסדים אויך. — איהר קענט זיך שוין פאַרשטעלען וויאזוי דער עולם האָט געפיהלט, נאָך אזא דרשה, ספּעציעל, אז זיי האָבען זיך געפיהלט, אז קיין ח' פעהלט דאָרטען ניט. — אָט דער ישיבה בחור האָט געקענט אסאך לערנען נאָר עקספּיריענס-אמעריקא האָט ער ניט געהאט . . .

צו דער גרינדונג פון אזא נויטיגען אינסטיטושאָן ווי א **גמ"ח**, זאָג איך פאָלגענדע ווערטער:

רבותי! די גמרא (אין סוכה מ"ט) זאָגט: **גדולה ג"ח יותר מן הצדקה**. און די תורה זאָגט: **אם כסף תלוה את העני עמך** (משפטים), איז דאָך אייגענטליך א קשיה: סטייטש, אויב ער איז איין עני, טאָ ווי קען מען איהם לייהען געלד? איין אָרימאן קען דאָך ניט באצאָהלען. ! מען מאכט דאָך חו"ש דעם אָרימאן דערמיט פאר א רשע — לוה רשע ולא ישלם — עס איז אויך קשה דער איבעריגער וואָרט „עמך".

דעם ענטפער צו די צוויי קשיות וועלען מיר געפינען אין דער גמרא ב"ב: נענה ר' אליעזר . . . וחסד לאומים חטאת . . . שאינם עושים אלא להתגדל . . .

רבותי! ווען מיר וואָלטען זיך אינטערעסירט אין העלפען דעם אָרימאן מיט איין אמת, ווען מיר האלטען דעם אָרימאן „עמנו", אז ער איז אונזער גלייכען, דאן וואלטען מיר אין 99 פראָצענט פון די אָרימעלייט געהאַט צוקונפטיגע געבער און ניט קיין נעמער. די שטיצע וואָס מיר גיבען דעם אָרימאן איז יעדענ-פאלס א גמילת חסד. ווייל אויב דער אָרימאן קען נעביך ניט

באצאהלען, ווערט ער דערמיט ניט קיין רשע, ווייל דער רבש"ע באצאהלט זיכער צו דעם מלוה. **מלוה ד' חונן דל.** — דער אומגליק איז אבער „שאינם עושים אלא להתגדל" אסאך פון די געבער מיינען ניט ערנסט צו העלפען דעם ארימאן, ער זאל ניט דארפען זיין איין ארימאן. עס טרעפט אז דער ארימאן איז גאר געצוואונגען צו ווערען א שנארער. „כי הא דשבתאי בר מרינוס בעי מינייהו עסקא ולא יהבו ליה" (ביצה ל"ב).

אזוי ווי א מחבר איז געקומען צו א ביזנעס מאן. ווי נאר דער ביזנעסמאן האט דערהערט, א בוך ! האט ער אנגעפאנגען שרייען : סטייטש! עס איז דא צופיעל ביכער, עס איז איין שנארעריי ! ווער דארף אזויפיעל ביכער ?!

רופט זיך אפ דער מחבר: אט זעהט איהר! דאס איז דאך דא אין מיין בוך, איך גיב זיי דא, די מחברים, א ריכטיגע פארציע, איך מאך חוזק פון זיי, ווער דארף דאס די ביכער זייערע? זיי ווילען שוין פארזאגען א צעהנטען צו שרייבן ביכלעך אט די שנארער! — מיסטער, וויפיעל קאסט א בוך? רופט זיך אפ דער איד, און גלייך האט ער באצאהלט צוויי דאלאר, און א חאפ געטהאן דעם בוך . . .

אזוי איז אט דער מחבר ער וויל גרייכען מיט חכמה, צו די נארישע אידען, וואס פארשטעהען ניט, אז א בוך איז אזוי נויטיג ווי ברויט. „אם אין תורה אין קמח". און מען דארף ניט בעטראכטען דעם חכם פאר א שנארער, ווען א מחבר בעט אז מען זאל קויפען זיין ספר, גרויסט זיך ניט געגען איהם. „לא יטמא בעל בעמיו להחלו (אמור)האלט ניט נידעריג דעם בעטער. „להחלו" מלשון „ויחל" . — בעל בעמיו — איהר, בעה"ב, טהוט מיט'ן אמת, אהן גאוה — את העני עמך — האלט דעם ארימאן אלס אייער גלייכען.

און יעצט, רבותי!

בנוגע דעם גמ"ח וואס איהר געהט דא גרינדען, זאלט איהר וויסען אז די תורה זאגט אין דער סדרה תצא: „לנכרי תשיך

ולאחיך לא תשיך. ד"ה אז ביי א אידען טאָר מען ניט נעמען קיין פּראָצענט. איז דאָך אָבער א וועלט קשיה: פארוואָס זאָגט די תורה אז ביי א נכרי מעג מען יע נעמען? סטייטש! וואו איז יושר?

דער ענטפער, רבותי, איז פשוט: די תורה זאָגט אז ביי די נכרים אין זייערע געזעץ ביכער איז דאָך ניטאָ אזא געזעץ אז מען זאָל ניט טאָרען פון קיין אידען נעמען פּראָצענט. נאָר אדרבה, מען מעג יע נעמען פּראָצענט. טאָ אויב ער איז אַ נכרי, ד. ה. ער איז א פרעמדער צו דעם געזעץ, מעגסטו נעמען ביי איהם אזוי גוט ווי ער נעמט ביי דיר. וד"ל.

אָבער איהר, ברידער, העלפט איינער דעם צווייטען, אָהן פּראָצענט. „אחר כל בהמה חיה ועוף" זעהט און לערענט זיך אָפּ אז בייסען איז א מיאוסע מדה פון א חיה. און פּראָצענט הייסט נשך, עס בייסט, אוי בייסט עס! נאָך אַ מין בייסען! בכן דאַרפט איהר גרינדען א גמ"ח וואו מען זאָל לייען אָהן פּראָצענט. — ותבוא עליכם ברכה. אכי"ר.

באמערקונג:— „לוה רשע ולא ישלם" מיינט ווען ער לייהט מיט דעם געדאנק לכתחילה אויף ניט צו באצאָהלען, היינו: לוה: **רשע.** בשעה שהוא לוה הוא כבר רשע, כי אם לאו היה צ"ל: לוה ולא ישלם **רשע.**

רבותי ! זייט אָבער ניט ווי יענער בעל צדקה,— האָט רחמנות ! בעט ער,: שענקט אַ נדבה פאר איין אָרימער אלמנה מיט 6 קינדער, וואָס האָט ניט אויף רענט. מיסטער, ווער זייט איהר ? איך בין טאַטע איהר לענדלאָרד...

מצורע

דרשה לשביעי של פסח

זאת תהיה תורת המצורע והובא אל הכהן.

רבותי ! איך וויל דאָ ניט פרעגען קיין סך קשיות —איך פרעג ניט ווארום די תורה זאָגט: תהיה, א לשון עתיד.

עס אַרט מיך אָבער זעהר שטאַרק דער לשון „והובא”. פארוואָס זאָגט ניט די תורה ובאָ אל הכהן?

ווייסט איהר ווארום? ווייל די פראַקטיקע לערענט אונז אז דער קראַנקער שרעקט זיך פאַר'ן דאָקטאָר. — מען דאַרף דעם קראַנקען צוהעלפען ער זאָל געהן צו א דאָקטאָר.

דערפאַר זאָגט די גמרא : בא ליטהר מסייעין אותו. מס" שבת דף קד. עס איז זעהר לייכט צו ווערען אַ טמא, אַ מוצא־רע. די אויפגאַבע פון אמת'ע אידען איז צו העלפען אָט די געפאַלענע קומען צוריק צו דער תורה און ווערען טהור.

והובא אל הכהן ! די שוהל, דער רב, דער כהן דאַרף האָבען אין זיך א מאַגנעטישע קראַפט, א כח המושך, אריין צו ברענגען דעם עולם אין שוהל.

די תורה רעדט פון דער צוקינפטיגער צייט: „זאת תהיה תורת ! אָט אזוי וועט מען אין אונזער צייט דאַרפען פאַר־שפרייטען תורה — והובא ! ער זאָל געבראַכט ווערען. —מען דאַרף צוציהען דעם עולם, ווייל פון זיך אליין וועט ער ח"ו ניט וועלען געהען אין שוהל. די שוהלען וועלען זיך רופען צענטערס, ווייל עס וועט דאָרטען פעהלען א צעהנטער צו דעם מנין.

ווען איך דערמאָן זיך, שמייכעל איך. —

א פרעזידענט פון א מאָדערנע קאָנגרעגיישאָן, האָט גע־וואָלט צוציהען א גרויסען עולם אין שוהל, האָט ער אָפגעשטימט צו נעמען א גרויסען חזן. אויף מאָרגען איז ערשינען איין אנאָנס אין פייפער, אז אויף דעם אדרעס זוכט מען א פינישער. עס זיינען געקומען אסאך שניידער, זעהען זיי עס איז א שוהל. סטייטש! ווארום האָט איהר אדווערטייזט פאר א פינישער? איהר דארפט דאָך גאָר אַ בעל תפלה! האָבען אַלע שניידער געשריען צו דעם פרעזידענט.

איך קען ניט אפאָרדען קיין חזן צו נעמען. האָט דער פרעזי־דענט געשריען, איך דארף נאָר אַ מאַן מיט אַ שעהנער שטימע, ער זאָל ניט דאווגען, נאָר בלויז פינישען ביי יעדער תפלה, און א פינישער דארף דאָך קאָסטען ביליגער ווי א חזן.

אונזער פרעזידענט האָט זיך נעביך אָפגענארט אין צוויי זאַכען: ערשטענס, אַז אַ פינישער נעמט מעהר געלד פון אַ בעל תפלה, און צווייטענס, אויף צוציהען מעמבערס דארף מען די הויפט זאך א קלוגען רב, א גוטען רעדנער. דער רב זאָל איינוויק־לען דעם מוסר אין אַ וויציגען משל און זאָל דער עולם האָבען פערגעניגען פון גאָט"ס תורה, עס זאָל זיין: יערב נא את דברי תורתך.

אָט הערט למשל ווי איך טייטש איין דעם פסוק: סוס ורוכבו רמה בים; אייגענטליך, וואָס איז דער פערד שולדיג? דער פערד איז דאָך איין אונשולדיגע חיה — הערט זשע רבותי, א משל:—

ביי א פריץ איז געווען א קאָסטבארער פערד. ער האָט געהאט די ווערטה פון עטליכע טויזענד דאָלאר. זיינען געקומען צוויי גנבים באנאכט צו גנב'נען דעם פערד. האָבען די גנבים דאָך געוואוסט אז דער פריץ וועט זיך געווים לאָזען קאָסטען אסאך געלד און וועט געפינען דעם פערד מיט די גנבים. האָבען זיי געטהאָן אַזוי: איין גנב האָט אוועקגעפירט דעם פערד, און דער אַנדערער האָט אויף זיך אָנגעטהאָן די פערדישע צוים און זיך געשטעלט אויף אַלע פיער, ביי דעם האָבער.

ווי ערשטוינט איז דער פריץ געוואָרען, ווען ער האָט דער־הערט אז דער פערד איז ניטאָ, און א מענש שטעהט אין זיין פלאַץ און עסט האָבער. — סטייטש! האָט דער פריץ געפרעגט דעם משונה'דיגען מענשען, ווי קומסטו אהער? מה מעשיך? רופט זיך אָפּ אָט דער פערד (גנב): פריץ! זיי ווייסען, אז איך בין א געשטראָפּטער מענש, און בין פון א זינדיגען מענשען געוואָרען א פערד, און ווייל אין מיר איז דאָך געווען עטוואָס מענשליכעס פון פריהער, דערפאר בין איך געוועזען אזא געלערענטער פערד. אָבער מיין שטראָף האָט זיך געענדיגט צו די פינף יאָהר, און יעצט פריץ, לאָז מיך פאָהרען אהיים צו מיין פאמיליע.

דער פריץ האָט געגעבען דעם פערד (גנב) א גרויסע סומע געלד און אָפּגעלאָזען אהיים.

אין אייניגע מאָנאַטען ארום האָט דער פריץ דערקענט זיין פערד אויף א פערד מאַרק. האָט דער פריץ אריין געשושקעט דעם פערד אין אויער: געשטראָפּטער, זינדיגער מענש! זינדיגע נשמה! וואָס פאַר איין עולה האָסטו שוין נאָך אמאָהל אָפּגעטהאָן!

רבותי! צרעת ר"ל קומט דערפאר וואָס מען האלט די קאָפּ צו הויך און מען איז גרוים ביי זיך אזוי ווי א פערד וואָס האלט זיין קאָפּ הויך. „יען כי גבהו בנות ציון" (ישעי'). אָט דעם סוס ורוכבו מיינט מען, די צוויי־פוסיגע מצריים. — דאריבער זאָגט דער פסוק: „אל תהיו כסוס" (תה' לב) ווייל א בעל גאוה איז א זינדיגער מענש און א געלערנטער פערד.

אָט יעצט קענען מיר פארשטעהן פארוואָס דער שטן האָט געשלאָגען איוב'ן מיט צרעת. דער רבש"ע זאָגט צו דעם שטן: „השמת לבך על עבדי איוב כי אין כמהו בארץ", איז דאָרטען ניט דער פשט אז אזא צדיק ווי איוב איז ניטאָ אויף דער וועלט. דאָס קען דאָך ניט זיין. איוב איז ניט געווען דער צדיק אין דער וועלט. א צדיק וואָלט דאָך ניט געשוויגען ווען פרעה זאָגט: הבה ונתחכמה לו. נאָר דער פשט איז דאָרטען אזוי: השמת לבך? דו זעה נאָר! איוב דענקט אז אין כמהו. ער האלט זיך פאר איין צדיק'ל, א בעל גאוה, א געלערענטער פערדעל, גיב איהם נאָר

אַ פראַבע מיט אַ פּאַרציע צרעת, (ימינך ד׳) תרעץ אויב— אותיות: צרעת איוב.

עס איז אמאָהל געקומען א איד צו דעם בעש״ט און זאָגט: רבי! איך בין א צדיק! איך טראָג אויף זיך ווייסע בגדים, לקיים: בכל עת יהיו בגדיך לבנים. איך האָב גלגול שלג משום ענוי נפש, און צוועקעס אין די שיך.— זאָגט דער בעש״ט: קוק אין פענסטער, וועסטו זעהען נאָך אַ צדיק. און ער צייגט איהם אויף אַ ווייסען פערד: — ער טראָגט ווייסע בגדים. ער איז זיך מתגלגל בשלג. ער טראָגט צוועקעס אין די שיך—אַ פּאַדקאָווע און ער טרינקט אויך ניט קיין בראָנפען.

ווען מיר האָבען געשריען צו ג-ט על הים, זאָגט ג-ט: דבר אל בני ישראל ויסעו, ר״ת איוב. דער שטן האָט מקטרג געוועזען אויף אידען ביי קריעת הים, האָט ג-ט געזאָגט צו דעם שטן: געה בעסער צו איוב׳ן, צו דעם בעל גאוה.

זעהט זשע, רבותי! אַז איהר ווילט צוציהען אידען צו אידישקייט און צו דער שוהל, זייט אויף זיי ניט מקטרג.. — נאָך מיין מיינונג האָט נאָך קיינמאָהל א איד ניט געטאָהן קיין עולה, מיט זיין גוטען ווילען. — „חק נתן ולא יעבור״ חק איז אַ לשון מזון, מלשון: הטריפני לחם חקי. ד. ה. חק נתן, ווען אידען האָבען וואָס צו עסען, ולא יעבור, וואָלטען זיי ניט עובר זיין אויף דער תורה. אָט דערפאַר דערצעהלט דאָ אין דער סדרה, דער מדרש, די מעשה פון דעם סוחר וואָס האָט פארקויפט דעם סם חיים, „האיש החפץ חיים, וכו׳, נצור לשונך מרע.

תורת המצורע די חכמה פון דעם מצורע איז, — והובא אל הכהן: צו ברענגען להר״ע אויף דעם ת״ח, דעם כהן המחזר על הגרנות..

לפע״ד הן יש להקשות על הכ׳ ונרפא נגע הצרעת מן הצרוע היה צ״ל ונרפא הצרוע מצרעתו. כי כפי הכי משמעו שהצרעת היא צריכה לאותה רפואה ולא הצרוע.

כפי דרשתי אבאר שהחטא סר מאליו, לו היה להחוטא פרנסת ביתו, היינו מצבו יתרפא, וממילא ישוב מדרכו, כי אין שום חוטא או מצורע כלל, אלא יש סיבה הגורמת, והיא סיבת הדחקות, צרעת ממארת היא. והכהנים האמתים צריכים לרפאות את הצרעת וממילא לא יהיו מצורעים, או מחוץ-למחנה׳-קעס. . .

אחרי מות

דרשה א
הספד על אשה שהשאירה בנים טובים

רבותי! די תורה זאגט דא אין דער סדרה, „בזאת יבא אהרן אל הקדש", זאגט רש"י: בזאת איז בגימט' 410, א רמז אויף דעם ערשטען ביהמ"ק, וואס איז חרוב געווארען נאך 410 יאהר, **היינט**, רבותי, איז ביי אונז אויך דא א חורבן ביהמ"ק.

אחרי מות, ווייל עס איז געשטארבען א כשר'ע אידישע פרוי, א הייליגטהום פון איהרע קינדער, א ביהמ"ק מעט. ווייל א פרוי איז: בית. און א מאמע איז א ביהמ"ק. — דער ווארט „זאת" איז בגימט' תח — 408. — רבותי! מיר האבען אמאהל געהאט זעהר א ביטערען שנת תח, א יאהר ר"ל פון גזירות רעות אויף אידען און פאגראמען! מען האט גע'הרג'עט אידען! אזוי היינט אויך, רבותי, האט מען געמאכט א פאגראם אויף אט די קינדער: זייער מאמע האט דער מהמ"ו אוועק גע־רויבט פון זיי.

די גרויסע צדיקים האבען געזאגט אז „מאת ה' היתה זאת" היא נפלאת בעינינו!,—מיינט עס דעם יאהר ת"ח, וועלכער איז גימט' זאת. איז באשטימט געווארען אז משיח זאל קומען און די מתים זאלען אלע לעבעדיג ווערען, מיר זאלען זעהען די גרויסע וואונדער פון גאט.

זיי האבען געטייטשט אזוי דעם פסוק: מאת ד' היתה זאת, אין דעם יאהר זאת וועלען מיר זעהען די וואונדער פון גאט. ווייל ביפאר משיח וועט קומען, דארף זיין חבלי דמשיחא. מענשען וועלען נעביך שטארק ליידען גרויסע יסורים. רבותי! איך זאג אייך, אז היינט ליידען מיר אויך גרויסע יסורים, וואס קען נאך זיין ערגערע יסורים, ווי ווען מיר זעהען, אז קינדער פארלירען זייער מאמע! עס וואלט שוין היינט געמעגט זיין תחה"מ, און אלע

אונזערע ליעבע און געטרייע וואָס זיינען פון אונז אוועק געריסען געוואָרען זאָלען לעבעדיג ווערען. ווייל די חבלי דמשיחא האָבען מיר שוין געליטען.

דער נביא ירמיהו זאָגט: אל תבכו למת — באוויינט ניט דעם טויטען— בכו בכו להולך. דאָס מיינט, מיינע פריינדע, דעם מאַן פון דער פארשטאָרבענער, דעם טאַטען פון די קינדער ! ווען אַ פרוי שטאַרבט, ווערט מען דערנאָך אַ הולך, מען קען זיך ניט געפינען קיין אָרט, מען געהט אַרום ווי אין איין עולם התוהו, ווייל ווען א מאַן לעבט אָפּ מיט זיין פרוי אזוי פיעל יאָהרען, פאר־שטעהען זיי שוין איינער דעם צווייטען ניט נאָר אויפ׳ן וואונק, נאָר זאָגאר מען דערקענט איינער דעם צווייטענס טריט. עס איז קיין אונטערשיעד אויב דער מאַן זאָגט עס ארויס, אָדער ער האלט עס אין האַרצען — דער פייער פון זיין לעבען איז אויסגעלאָשען געוואָרען צוזאמען מיט דער ליכט פון דער פרוי׳ס אויגען. מיט דעם טוידט פון דער פרוי איז אָפּגעשטאָרבען א שטיק לעבען פון דעם מאַן. א שטיק פון זיין אייגענער נשמה — ער האָט פאר־לוירען זיין אמת׳ען הארץ־פריינד! עס איז א שרעקליכער אומ־גליק, דער מאַן פון דער פרוי מאַכט דורך א שטארקען קריזיס יעצט, אָט דערפאר זאָגט די גמרא אין סנהדרין כב: אין אשה מתה אלא לבעלה.

ווען אונזער אלעמענס מאמע, די מוטער שרה, איז גע־שטאָרבען, זאָגט די תורה: לספוד לשרה ולבכותה. איז דאָך א קשיה: פריהער האָט דאָך געדארפט זיין לבכתה, ווייל ג׳ לבכי וז׳ להספד, נאר דער ענטפער איז פשוט:

אברהם אבינו האָט דערצעהלט שרה׳ס מעלות, פאר אלעמען וועלכע האָבען ניט געוואוסט פון איהרע מעלות, ווייל שרה איז געווען „באהל״, ניט קיין ארומגעהערקע, א גרויסע בעל־הבית׳טע אין הויז, א געטרייע מאַמע, און ערשט דאן האָט דער עולם נאָכאמאָהל אָנגעפאנגען וויינען.

רבותי ! אָט די פרוי איז געווען א צווייטע מוטער שרה! א געטרייע מאַמע, א גרויסע ווירטין, א כשר׳ע נשמה !

די גמרא אין שבת, דף ע"ב, זאָגט : כל המוריד דמעות על אדם כשר, הקב"ה סופרן ומניחן בבית גנזיו. פרעגט די וועלט, סטייטש ! וואָס מיינט אָדם כשר? זאָגט דאָרטען דער אגדות מהרש"א, אז אדם כשר מיינט מען דעם מענשען וואָס איז אפילו ניט קיין בעל תורה, — דאלו בבעל תורה, יש לבכות על התורה שהיה לו והיא אבדה לדורו במותו. אָבער דאָך פאַרוואָס באַנוצט די גמרא אזאַ שפראַך ווי „כשר" אויף אַ מענשען? **כשר** ווערט דאָך אייגענטליך באנוצט אויף איין עסענוואַרג.

רבותי ! דער ווארט **כשר** קען מען זאָגען איז פון דעם לשון **כשרון**, ד. ה„ פעהיגקייט. אָט דאָס מיינט די גמרא, מען דאַרף וויינען אויף דעם פעהיגען מענשען וואָס שטאַרבט אָפּ, אָט דער מענש וואָס האָט מיט זיינע פעהיגקייטען געבראַכט זעהר אסאך נוצען דער וועלט. יעצט וועלען מיר שוין ממילא פאַרשטעהען פאַרוואָס דער רבש"ע דאַרף צעהלען די טרערען און בעהאַלטען זיי, ווייל דאָס איז דאָך א גרויסע קשיה: צו וואָס דאַרף מען עס צעהלען טרערען און בעהאַלטען זיי אין אוצרות? וואָס איז עס דען די טרערען? דיאמאנטען? נאָר דער שכל דערפון איז אזוי: ווען מיר אידען בעטען ביי גאָט: זכרנו לחיים, כתבנו בספר החיים, רבש"ע! נעם אונז ניט אוועק פון אונזערע קינדערלעך ! הויבט אָן דער מקטרג צו טענה'ן: דו זעהסט, רבש"ע ! ווי ער וויל אלעס נאָר פאַר זיך, אָבער פאַר יענעם אַרט איהם ניט. דאַן נעמט דער מליץ יושר און שליסט אויף אָט דעם אוצר פון די טרערען וואָס מיר האָבען געוויינט אויף די כשר'ע נשמות, און זאָגט: רבש"ע ! דו זעהסט, זיי האָבען אויף יענעם אויך רחמנות געהאַט !

דערפאַר, מיינע פריינדע, וויינען מיר אויף די גוטע מענשען וואָס מיר פאַרלירען, ר"ל.

יהי רצון אז אונזערע טרערען זאָלען ווערען אָנגענומען און מיר זאָלען שוין מעהר ניט וויסען פון קיין יסורים.

רבותי ! דער וואָרט : בזאת איז גימט' צום,

קול ממון. איש בער לא ידע, עס זיינען דאָ מענשען, וואָס ווייסען ניט פון צום און קול וואָס איז גימט׳ בער, אָבער: וכסיל לא יבין את זאת. ער וויל אפילו פון קיין ממון, ד. ה. צדקה, אויך ניט ווייסען. אָבער איהר, רבותי, איהר ווייסט דאָך אז מען דארף געבען צדקה. טאָ גיט צדקה!

רבותי! איך פערגלייך דאָ אין מיין דרשה דעם טוידט פון דער פרוי צו דעם חורבן ביהמ״ק — ווייסט איהר פארוואָס?

ווייל די תורה זאָגט: ולבכתה מיט א קליינם כף. כף איז גימט׳ 100. ווען א מאמע שטארבט ר״ל, איז גלייך ווי דער ביהמ״ק וואָס איז געוועזען 100 איילען די הויך, איז חרוב געווארען, ד. ה., די 100 איילען זיינען געווארען קליין און צובראכען.

צוליעב נאָך איין אורזאכע פארגלייך איך אייער מאמען צו א ביהמ״ק: ווייל איך קוק אָן די קינדער מיט אזא איבערגעבענהייט, און איך זאָג די ווערטער וועלכע מען האָט געזאָגט אויף זעהר א גוטען זוהן, דורך איהם האָט מען געבענשט זיין מאמען אלע מאָהל און מען האָט געזאָגט: ריב״ח, אשרי יולדתו (פ״ק ב)— וואויל איז דער מאמען וואָס זי האָט געהאט אזוינע גוטע קינדער. ווייסט איהר פארוואָס מען האָט געבענשט ריב״ח׳ס מאמע, ווייל זי האָט איהם אין וויגעלע געטראָגען אין אלע בתי מדרשים, אז זיינע אויערען זאָלען זיך אָנזאפען מיט תורה. און אזוי האָט אָט די מאמע אויך ערצויגען גוטע קינדער.

הספד — דרשה ב

להקמת מצבה — על אם צעירה.

די תורה זאָגט דאָ אין דער סדרה: בקרבתם לפני ד׳ וימותו. — **רבותי**! אָט דער פסוק איז דאָ מקויים געווארען אויף אָט דער יונגער מאמען. גאָט האָט מקרב געווען איהר טויט. „בקרבתם לפני ד׳ ״—גאָט האָט זי צו שנעל צוגענומען פון אונז.

מיט 42 יאָהר צוריק איז זי געקומען צו אונזער וועלט, און מיט א יאָהר צוריק האָט זי אונז פאַרלאָזט.

רבותי ! מיר וואָלטען קיינמאָהל ניט פאַרשטאַנען דעם פסוק: אדם יסודו מעפר וסופו לעפר, ווען מיר זעהען ניט די ענדע פון מענשען. מיט 42 יאָהר צוריק האָט ערגיץ אין א הייזקע אָפּגעקלונגען א קינדערשער קול, און א שמש האָט געזאָגט: מי שברך . . . הוא ירפא את היולדת ויקרא שמה בישראל . . . פון א שטיק ערד האָט גאָט באשאפען אזא טייערע ווערטפולע כלי, אַזאַ שעהנע מאַמע, אַזאַ געטרייע פרוי און ליעבע טאָכטער און יעצט האָט גאָט צובראָכען די ערדענע כלי. ער האָט צוגענו־מען די נשמה! און די שעהנע מאַמע ליגט דאָ ווי אַ כלי חרס הנשבר. גענומען פון דער ערד און צוריק צו דער ערד.

פון דעם ערשטען מאָמענט וואָס דער מענש ווערט געבאָרען זאָגט די ערד: נו ! ווען וועסטו שוין קומען צוריק צו מיר ? אָבער — בקרבתם ! עס איז צו שנעל, צו שנעל ! צו נאָהענט די צייט געוועזען ! אינגאנצען 42 יאָהר ! אזוי ווי א גוטער חלום איז עס אוועקגעפלויגען, אזוי ווי ערשט נעכטען געוועזען, אזוי ווי איין טאָג איז דאָס שנעל דורך געלאָפען . . .

דער נביא ירמי׳ זאָגט : אל תבכו למת... בכו בכו להולך, דעם טויטען דאַרף מען ניט באוויינען אזוי שטאַרק. ווייל ער איז שוין זיינם איבערגעקומען. עס איז נאָר שוועהר די מינוטען, ווען די נשמה הויבט זיך אן געזעגנען מיט דעם גוף. מען ווערט איינער צו דעם צווייטען אַזוי צוגעוואוינט! עס ווילט זיך ניט פאַרלאָזען אַזאַ שעהנע וועלט... עס שטעלט זיך פאַר דעם שטאַרבענדען פאַרשידענע בילדער...עס ווילט זיך ניט פאַרלאָזען די היים, מיט די קינדער אויף אייביג.

אָבער נאָך דעם טויט קען זיין, איז דעם טויטען ניט שלעכט. והראיה, די גמרא זאָגט אין נדה ל׳, ע״ב: ואין לך ימים שאדם שרוי בטובה יותר מאותן הימים, שנאמר מי יתנני כירחי קדם (איוב כ״ט). אז ביפאָר מען ווערט געבאָרען איז פיעל בעסער.

אויב אזוי קען דאָך זעהר מעגליך זיין אז נאָך'ן טוידט איז אויך בעסער. „טוב יום המות מיום הולדו". שלעכט אָבער און ביטער איז דעם מאַן מיט די יתומים. בכו בכו להולך, הולך בלי מרגוע. דערפאר וויינען מיר אזוי ווען מיר זאָגען נאָך כל נדרי די ברכה: שהחינו. ווייל דער גזר דין ווערט דאָך דאן אָפּגע'פסק'נט: מי יחיה? — חתמנו בספר החיים ! בעטען מיר ביי גאָט. איז דאָך אַ קשיה: מעג מען דען חתמ'נען יו"כ? נאָר דער געדאַנק דערפון איז דאָ זעהר אַ לאָגישער. מיר בעטען ביי גאָט: רבש"ע! זעה, אז דער ספר זאָל זיין גאַנץ ווי פער'חתמ'עט, ווייל ווען א מאמע שטאַרבט, איז גלייך ווי פון א בוך רייסט זיך אָפּ די טאָוולען און הו"ש די בלעטלאך ווערען צופאלען. דער מענש איז דאָך א ס"ת. ישראל ר"ת יש ששים רבוא אותיות לתורה. א ס"ת איז יעצט פארברענט ! האלט זיך איהר בלעטלאך, איהר קינדער, צוזאמען און האלט דעם אָפּגעריסענעם בוך גאַנץ! ער זאָל זיך שוין מעהר ניט רייסען. עס זאָל זיין בספר—אַ גאַנצער ספר.

בקרבתם די מאַמע איז יעצט נאָהענט צו גאָט, לפני ד'! און זי זאָל פאר אייך מתפלל זיין פאר דעם רבש"ע.

אַ גרויסער רעדנער האָט זיך באַקלאָגט פאַר'ן דאָקטאָר, אַז עס טוט איהם וועה דער בויך. — ציינגט מיר אייער צונג,— האָט געזאָגט דער דאָקטאָר. —גלויבט מיר, אַז איך קען מיט מיין צונג ניט שילדערען מיין וועהטאָג, האָטש איך בין אַ גרויסער רעדנער, האָט דער רעדנער געענטפערט.

קדושים

דרשה א

החזקת תלמידי חכמים

וכי תבאו אל הארץ ונטעתם כל עץ מאכל וערלתם ערלתו. זאָגט רש"י: ואטמתם אטימתו, יהא אטום ונסתם מליהנות ממנו שלש שנים. דאָ זאָגט די תורה, אַז די ערשטע דריי יאָהר נאָך דעם פלאַנצען פון א בוים טאָר מען ניט עסען די פרוכט פון דעם יונגען בוים, דאָס רופט זיך ערלה.

איהר הערט רבותי!

איך וואָלט זיך קיינמאָהל ניט אונטערגענומען צו געהן זאָגען א טעם מיט א שכל אויף אָט דער מצוה פון ערלה, און געבען צו פאַרשטעהען דעם עולם פאַרוואָס די תורה האָט פאַר־באָטען צו עסען די פרוכט פון די ערשטע דריי יאָהר און קיין הנאה נים האָבען פון די פרוכט?

גיט אַ קוק, רבותי! אין רש"י היה רע"ק אומר, דברה תורה כנגד יצה"ר שלא יאמר אדם ד' שנים אני מצטער בו חנם. איז דאָך אַ סימן מובהק, אַז דער הייליגער תנא רע"ק האָט געוואוסט, אַז די וועלט וועט וועלען וויסען, פאַרוואָס מען זאָל נים מעגען הנאָה האָבען פון די פרוכט אַזאַ לאַנגע צייט?

דער ענטפער, רבותי, איז פשוט.— די תורה האָט דאָך געוואוסט אז די פרוכט פון ארץ ישראל איז אויסערגעוועהנליך גוט, און אז מיר וועלען אריין קומען אין א"י, וועלען מיר זיך צוכאַפּען מיט אַ בליץ שנעלקייט צו פלאַנצען בוימער, כדי שנעל צו געניסען פון אזוינע טייערע פרוכטען. פרעג איך, אייך, רבותי! וואָס וואָלט געוואָרען מיט דער תורה? ווער וואָלט געבליבען אין דער ישיבה און ווער וואָלט געוואָלט זיין א רב? ווער וואָלט געוואָלט זיין א חזן, א שוחט, א מלמד, אז מען קען בעסער

פלאנצען בוימער מיט טייערע פרוכטען און הנאה האָבען, אין דער צייט ווען מלמד מיינט מעהר לערנען מעהר דלפון.

דערפאר, רבותי, האָט אונז די תורה געלערענט דאָ, אז חאָטש מיר קענען ניט הנאה האָבען פון די פרוכט אזא לאנגע צייט, וועט אָבער דער רבש״ע דערפאר געבען א ברכה מיט א הוספה אויף דעם פינפטען יאָהר. להוסיף לכם תבואתו.— און אזוי אויך, רבותי, ווער עס שטיצט די תורה מיט די לערנער, ווערט ער אויף געווים געבענשט אין דער צוקונפט מיט א הוספה, אריכות ימים און עשירות.

אָט ערשט יעצט, רבותי ! קענען מיר פאַרשטעהען זעהר גוט פארוואס דער מד״ר זאָגט גלייך אויף דעם פסוק: ונטעתם כל עץ מאכל. הה״ד עץ חיים היא למחזיקים בה.

יעדען מאָהל, ווען דער מד״ר זאָגט הה״ד מסתמא האָט דאָ דער מדרש געהאט א גרויסע קשיה, פארוואס זאָגט די תורה: וכי תבאו אל הארץ. סטייטש די מצוה פון ערלה איז דאָך נוהג אויך אין חו״ל. און איבערהויפט ווארום דארף די תורה זאָגען עץ מאכל, אז די תורה זאָגט דאָך שוין: לא יאכל את פריו, ווייסען מיר דאָך אז עס איז איין עץ מאכל. נאָר די תורה זאָגט דאָ אזוי צו אונז: אז איהר וועט אריין קומען אין לאנד וועט איהר זיך דאָך געווים צוכאפען צו דעם עץ מאכל, זאָג איך פאוואָלי ! כאַפּט ניט אַזוי שטאַרק! כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם.— אָט דאָס האָט דער מד״ר דערפיהלט דא אין די ווערטער פון: כי תבאו, און פון עץ מאכל: ווערט ניט אזוי איבעראשט פון דעם עץ מאַכל. דערפאר זאָגט דער מ״ר: הה״ד עץ חיים היא ! חיים ! איז בגימט׳ חכם,— למחזיקים בה — שטיצט די בני תורה, דעם חכם. דער וואָס שטיצט דעם חכם איז זוכה צו חיים, ווייל חכם און חיים איז די זעלבע גימט׳.

דער וואָרט „מאכל״איז די אותיות „מלאך״. זאָגט די תורה אזוי צו אונז: ונטעתם עץ מאכל, גיט דעם חכם אויף צו לעבען, מאכל — ווייל יעדער בן תורה איז א מלאך פון גאָט. — שפתי

כהן ישמרו דעת והעם יבקשו תורה מפיהו כי מלאך ד׳ צבאות הוא.

די גמרא אין חגיגה זאָגט: אם הרב דומה למלאך ד״צ אז יבקשו תורה מפיהו.— איז דאָך דאָ אַ גרויסע קשיה: ווי אַזוי פער־גלייכט די גמרא א רב צו א מלאך, וואָס מיר ווייסען ניט וואָס איז אזא זאך ווי מלאך, און וויאזוי ער קוקט אויס. אום צו פערגלייכען א זאך דארף מען דאָך עס צוגלייכען צו א דבר הידוע. נאָר דער פשט אין דער גמרא קען מען זאָגען אזוי: אז דער פשוט׳ער מענש קען ניט בעגרייפען דעם חאַראַקטער און די אויפפיהרונג פון אַ רב, איין אמת׳ען ת״ח, און עס דוכט זיך זיי אויס פיעל מאָהל אַז דער רב טהוט ניט גלייך. זיי האָבען אָפט פּריטענזיעס אויף די ת״ח. אָבער איהר דארפט בעגרייפען אז די וועגען פון א ת״ח זיינען ניט באַוואוסט צו אַלעמען, פונקט ווי מיר ווייסען ניט די וועגען פון אַ מלאך. לערענט תורה פון דעם רב, חאָטש עס געפעהלט אייך ניט זיין הנהגה. כי נפלאו דרכיו כמו מלאך.

זעהט איהר, רבותי ! די גמרא אין יומא דף עא פער־גלייכט רבנים צו פרויען, — דאָס איז שוין עפּיס אנדערש. — ת״ח שדומין לנשים ועושין גבורה כאנשים.

ווייסט איהר ווארום זיינען די אידישע געלערענטע גע־גליכען צו פרויען ? ווייל ווען מיר קוקען אויף דעם פאמיליען לעבען, דוכט זיך דאָך אייגענטליך אויס, אז דער גאנצער אויפ־האלטער פון דער פאמיליע איז דער מאן, דער בעל פרנסה, דער ברויט-געבער, אָבער אין אמת׳ען איז עס די פרוי, די געטרייע מאמע, — חכמת אשה בנתה ביתה. אזוי מיינע פריינדע זיינען די אידישע געלערענטע, די אמת׳ע ת״ח, די אויפהאלטער פון דער וועלט. אַזוי ווי ר״ל אָן אַ געטרייע פרוי איז די היים קיין היים ניט, אַזוי איז די וועלט אָן געטרייע, געלערענטע מענשען.—

כי תבאו אל הארץ: אז איהר ווילט האָבען א גוטע היים, דערמאָנט זיך אין די ווערטער: עץ חיים היא למחזיקים בה. אז מען דארף שטיצען די תורה.

מהרש״א : קידושין ב.— מדמה את התורה לאשה

בכמה ענינים, אילת אהבים, יעלת חן, דדיה ירווך בכל עת, —

רבותי ! איך דערמאָן זיך אין א עפיזאָד און א שמייכעל ציינט זיך אויף מיינע ליפען:

א אידענע שטעהט ביי א הויז פון א רבי׳ן און וויינט נעביך.
—פארוואָס וויינט איהר? פרעגט איהר א איד. זאָגט די אידענע:
—איך וויל אריין געהן צום רבי׳ן נעמען א ברכה, און האָב ניט קיין דאלאר צו געבען איהם. — נאָט אייך פינף דאָלאר און ברענגט מיר טשענדזש, זאָגט דער איד.

ווען די אידענע האָט געבראכט די פיער דאָלאר צוריק, זאָגט דער איד צו איהר: יעצט זיינען מיר אלע געהאָלפען געוואָרען. איהר האָט א ברכה, איך האָב 4 דאָלאר, און דער רבי האָט א פאלשען פינפערל.

דערפאר זאָג איך צו אייך, רבותי ! שטיצט די רבנים, די אלע לערנער, מיט איין אמת, מיט אמת׳ע פינפערלעך, ווייל אז מען פייפט איז גוט:— ניט מיט א פ, נאָר מיט א ו — פייוו(פינף). אשרי העם יודעי תרועה, וואָס קענען אָנפיי-וו-ען די ת״ח.

דרשה ב — בר מצוה דרשה
(וואָס מיין זוהן שלמה׳לע וועט האַלטען שבת נחמו.)

טייערע עלטערען ! און געעהרטע געסט !

די תורה זאָגט אין סדרה קדושים: קדושים תהיו כי קדוש אני ד׳ אלקיכם.— אויף פראָסט אידיש הייסט עס, אז דער אַלמעכטיגער גאָט, וויל אז מיר זאָלען זיין גלייך צו איהם.

רבותי ! איז עס ניט א איבערראשענדער וואונדער ? וואָלט דען א מענשליכער הערשער אויך אזוי גערעדט ? — מיט דער מצוה פון תפלין גלייכען מיר זיך צו גאָט ! — די גמרא אין

ברכות דף ו, זאָגט, אַז דער רבש"ע לייגט תפלין. („מנין שהקב"ה מניח תפלין, שנאמר נשבע ד' בימינו ובזרוע עוזו . . . בימינו זו תורה, שנאמר מימינו אש דת למו, עוזו אלו תפלין, שנאמר ד' עוז לעמו יתן. ומנין שהתפלין עוז הם לישראל, דכתיב וראו כל עמי הארץ כי שם ד' נקרא עליך ויראו ממך. (תבוא).

פריינדע! אַט פון דער גמרא קענען מיר זיך אראָפּלערנען איינציגע זאַכען. די ערשטע זאַך איז, אַז גאָט האָט אונז געהייסען טראָגען די זעלבע יוניפאָרם, דעם זעלבען בעדזש, וואָס ער אליין טראָגט. וואונדערבאר! איבערראשענד! א מענשליכער הער־שער וואָלט אויך טראָגען די זעלבע יוניפאָרם, וואָס איין איינ־פאכער סאָלדאט טראָגט? געוויס ניט! מיר קענען זיך אָפּ־לערנען פון דעם ווי שטאָלץ מיר דארפען זיין מיט די תפילין!

ווען מיר טהוען אָן אויף זיך די תפלין, טהוען מיר אָן אויף זיך דעם העכסטען בעדזש אין דער וועלט — דעם זעלבען בעדזש וואָס דער אַלמעכטיגער גאָט טראָגט! און ווען מיר באַלאַנגען טאַקע מיט איין אמת צו דער אָרגאניזיישאָן פון דעם בעדזש, דאַן וואָלטען די אַנטיסעמיטען, די שלעכטע מענשען, שרעקען צו פארטשעפען זיך מיט אונז: ויראו ממך!

דער בעדזש איז אָבער בלויז א סימן אז מען באַלאנגט. מען דארף אָבער צאָהלען מעמבערשיפּ דיוס אויך. אזוי אויך, מיינע פריינדע, זיינען די תפילין: לאות על ידכה, ולטוטפות בין עיניך. — די תפילין זיינען א סימן אז מען איז א איד, מען דארף אָבער טאַקע זיין איין אמת'ער און געטרייער איד. ניט ווי יענער פאַלשער ישיבה בחור האָט געטהאָן. דער משגיח האָט איהם געטראָפען רויכערען א סיגארעט אום שבת, האָט דער ישיבה בחור גלייך אָנגעטהאָן די תפילין און האָט זיך געמאַכט, אז ער האָט פארגעסען עס איז שבת . . .

מיינע פריינדע! איך זאָג צו, אַז איך וועל טראָגען אויף זיך אָט דעם בעדזש מיט איבערגעבענהייט, מיט איין אמת. וויל איך בין שטאָלץ מיט מיין קעניגליכער יוניפאָרם!

איך דערמאָן זיך, שמייכעל איך: — איין אנטיסעמיט האָט אמאָהל געשיקט צו א רב אַ פאָטאָגראַפיע פון א חזיר, האָט דער רב אים אָפּגעשיקט אַ פאָטאָגראַפיע, פון זיך אין טלית און תפלין. וואונדערט זיך דער אנטיסעמיט, און פרעגט איהם: סטייטש, הער ראבינער ! איהר האָט זיך גאָרניט באלײדיגט ? חו"ש האָט דער רב געענטפערט, אזוי ווי איהר האָט מיר געשיקט אייער בילד, אזוי האָב איך אייך געשיקט צוריק מיין בילד.

טייערע עלטערען ! איך האָף צו גאָט אז איך וועל אויך קענען ענטפערען די אַנטיסעמיטעז, קיין אַנטיסעמיטען פעהלען דאָך ניט. . . א איד פלעגט אלע מאָהל זוכען אויף'ן ערשטען פיידזש פון דער צייטונג. פרעגט איהם דער צייטונגס הענדלער: מיסטער וואָס זוכט איהר ? איך זוך דאָ א לויה אנאונסמענט ! — מיסטער, די לויות זיינען דאָך אויף דער לעצטער פיידזש האָט דער צייטונגס מאן געזאָגט. — ניין מיין פריינד, די לויה וואָס איך זוך, איז פון דעם יעצטיגען המן, און עס דארף שוין זיין אויף דער ערשטער פיידזש . . . ווייזט אוים אז טוידטע אַנטיסעמיטען דאַרף מען יאָ זוכען, אָבער לעבעדיגע פעהלען ניט.

דער נביא ישעי' פארזיכערט אונז אָבער, אז אָט די רשעים, די אנטיסעמיטישע דיקטאַטאָרס וועלען פארלאָרען געהן: „הנותן רוזנים לאין, וכו'.

THE SPIRIT OF THE LORD WILL DESTROY THEM

די שיכות פון דער הפטרה נחמו צו דער סדרה, איז אזוי:—

דער נביא ישעי' זאָגט: שאו מרום עיניכם און די תורה זאָגט אין ואתחנן: **שמע**. ר"ת: **ש**או **מ**רום **ע**יניכם.

דער ע' פון שמע איז גרעסער פון די אנדערע אותיות, און אויך דער ד' פון אחד. צוזאמען איז עס **עד**. דאָס מיינט אז דער אייביגער גאָט וועט אויסלייזען זיין פאָלק פון די צייטווייליגע שונאים. עד מיינט אייביג.

דרשה ג — איין ענטפער צום ב"מ

נחמו, נחמו יאמר אלקיכם.

אַט די ווערטער האָב איך געענטפערט דעם ב"מ בחור.

די גמרא (אין מנחות ל"ו) זאָגט : סח בין תפ' לתפ' וכו'. וחוזר עליה מערכי המלחמה. וואָס מיינט די גמרא מיט דעם אויס־שפּראַך, אַז אויב ער האָט גערעדט פון די תפילין של יד ביז ער האָט געלייגט דעם של ראש, איז ער אומגעקעהרט פון מלחמה.

זוהנעלע ! אנדערש קען מען ניט אומברענגען דעם אַנטי־סעמיטיזם סיידען מען זאָל קעמפפען מיט'ן שכל פון קאָפּ, דאָס איז די תפילין של ראש, און אויך מיט'ן כח פון די הענד, דאָס איז די תפילין של יד. און מען טאָר ניט פאַנאַנדערטיילען אַט דיביידע כוחות, מיר מוזען קעמפפען אין אחדות און אין האַרמאָניע אָהן שום הפסקות. ביז היראָהיטאָ'ס אלמנה וועט זיצען ביי פראַנקאָ'ס טויטען בעט און זי וועט איהם דערצעהלען אַז מען האָט גע'הרג'עט היטלער'ן ביי מוסאָליני'ס לויה... סטאַלינען מיט רוזוועלט'ן צו לאַנגע יאָהר, אויך טשויטשיל'ען.

און אַז דו וועסט ווערען ענטפערען אַנטיסעמיטען, שלעק, און סתם אזוי קיבעצער, אפיקורסים, זאָלסטו מקיים זיין דעם מאמר פון פרק ב' : ודע מה שתשיב לאפיקורוס.

עס מאַכט מיך צום שמייכלען, ווען איך דערמאָן זיך אַז א איד האָט ביי אונז אין שוהל געפרעגט: וואָס פאַר א ברכה מאַכט מען אויף היינטיגע אפיקורסים? האָט איהם אונזער שמש גע־ענטפערט: בורא מיני מזונות. דער וואָרט „מין" מיינט איין אפיקורוס און מזונות איז מלשון זנה אָפּגיקערט פון דער תורה.

רבותי ! מיר האָבען אָבער היינט א ריכטיגע מזונות צו זאָגען ווייל מיר האָבען א קידוש, ובכן לאָמיר טרינקען לחיים ! זוהנע'לע, בר מצוה בחור ! לחיים ! לשנה הבאה בירושלים, בתל אביב ! איך מיין מאַך ניט אזוי ווי יענער שלעכטער זוהן, אַ תל פון אביו, א תל פון זיין טאַטען... פאָלג דעם טאַטען, זוהנעלע !

אמור

דרשה א

איין אפיעל — דברים היוצאים מן הלב

רבותי ! רש"י זאָגט, אַז די תורה זאָגט אמור ואמרת — צוויי מאָהל זאָגען — וויל די תורה אונז לערנען „להזהיר גדולים על הקטנים. דערפאר קען זיין, זאָגט טאקע די תורה אויך די דאָפּפּעלטע ווערטער: כהנים און בני אהרן. בני אהרן מיינט מען די קליינינקע בנים'לעך.

רבותי ! כדי צו באגרייפען וואָס מיר דארפען יעצט טאָהן, אפּתח במשל פי. — א יונגערמאַן, זעהר א קלוגער, נאר ר"ל א גרויסער שלים מזל, אין אלעם וואס ער טהוט האָט ער ניט קיין גליק. נאָר וויל ער האָט א רייכען פאטער, קומט ער אלע מאָהל צום פאָטער. דער פאָטער העלפט איהם אלע מאָהל ארויס מיט פרישע הלוואות, און בשעת מעשה לערענט איהם דער פאטער וואס ער זאָל טהון מיט די געלד. וויאזוי ער זאָל האנדלען, וויאזוי צו לעבען. אָבער דער יונגערמאַן שטעלט צופיעל אויף זיינע פעהיגקייטען, אויף זיין אייגענעם שכל, און די ענדע איז אַלע מאָל די זעלבע. עס קומט אַלע מאָל אוים פונקט פאַרקערט ווי ער האָט גערעכענט. ער פארלירט נעביך אלעם וואָס ער האָט. און ער קומט שוין ווידער מיט א געבראָכענעם געמיטה צום טאָטען. דער פאָטער האָט איינגעזעהן אז ער מוז איהם באַ־שטראָפען דערמיט, וואָס ער וועט איהם מעהר גאָר ניט געבען. דער יונגערמאַן איז אָבער זעהר א קלוגער: קומט ער צוגעהן צו דעם טאטען און בעט לכתחילה גאָרניט, כלומרשט ווי די געשעפ־טען געהען אים גוט. פרעגט אים דער טאָטע אויף די קליינע קינדער: וואָס מאַכט שלמה'לע? וואָס מאַכט מאָטעלע? פאנגט ער אָן דערצעהלען אז שלמה'לען האָט ער שוין צעהנדליגע מאָהל אָנגעזאָגט אז ער זאָל ניט שפּיעלען קיין באָל אין מיטען סטריט, האָט ער ניט געפאָלגט. האָט איהם איין אָטאָמאָביל ר"ל אומגע־וואָרפען, צעסקרעטשט און צוקלאַפּט דעם גאַנצען גוף.

און דעם קלענערען, האָטש ער האָט אים שוין הונדערט מאָהל געזאָגט, ער זאָל זיך ניט שלאָגען מיט די קינדער, פארגעסט ער, און איין אנדער קינד האָט איהם געשלאָגען מיט א שטעקען און צובלוטיגט די נאָז, און — פאר דעם לעצטען האלבען דאָלאר האָט ער געמוזט לויפען מיט איהם אויף א טעקסי צו דעם באוואוסטען גוטען פריינד זיינעם, דעם דאָקטאָר. — נו ! און איך האָב נאָך געמוזט דעם קינד קושען און גלעטען, ווייל ער האָט נעביך פיעל געליטען. וואס קען מען טהון מיט א קינד ? האָב איך דען גע־דארפט טהון אנדערש ? — גאָט בעהיט ! האָט דער פאָטער אויסגעשריען, ווער זאָגט עס אַז דו האָסט געדאַרפט אַנדערש טהון ? סטייטש ! כרחם אב על בנים ! דו האָסט געטהאָן זעהר גוט.

אזוי האָט ער איהם ארויפגעפיהרט אויף דעם זעלבען וועג ווי גאָט האָט ארויף געפיהרט הושע'ן דעם נביא. (עי' גמ' פסחים)

און דער יונגערמאן פאנגט אָן וויינען: טאַטע, דו האָסט רחמנות אויף די אייניקלעך, אזוי ווי אויף דיינע קינדער, נו, און איך, בין ביי דיר א ממזר ? אָדער א געפונענער ? זאָג, טאַטע, אליין . . .

טאַטע אין הימעל ! ווי קענען מיר העלפען אונזערע קינ־דער, אויב חו"ש דו וועסט אונז ניט העלפען ? !

אָט דאָס זאָגט דער תנא (פרק ד') אל תהי דן יחידי, שאין דן יחידי אלא אחד — ווען דו אורטהיילסט אפילו א מענשען וואָס האָט שרעקליך געזינדיגט, און האָט געטהאָן די זעלבע עולות פיעלע מאָהל, זאָלסטו ניט אורטהיילען איהם אליין, אלס א יחיד. נאר דו זאָלסט באטראכטען די פאמיליע מיט די קינדער, וואָס זיינען אָפהענגיג אין דעם מענשען און וואָס פאר א יסורים עס וואָלט זיי פארשאפט ווען דער מענש ווערט פאראורטהיילט און באשטראָפט.

ווייל דער **דיין יחיד**, דער רבש"ע, איז אויך ניט דן, ער משפט ניט דעם מענשען נאָך זיינע מעשים נאָך באַלד אויף'ן אָרט,

ער נעמט אין אנבעטראכט, די טפלא תלויי ביה, — אַט דאָס איז דער פשט אין תהלים: להגיד כי ישר ד׳, צורי ולא עולתה בו. אָדער (אין האַזינו) אל אמונה ואין עול, — אז ניט האָט דאָך ניט קייע זינען צו דערצעהלען אַ שבח אויף ג־ט, אַז ער איז באַגלויבט און טוהט ניט קיין עולות. נאָר דער פשט איז: דו וואונדער זיך ניט פארוואס גאָט באשטראָפט ניט דעם שלעכטען מענשען באלד אויפ׳ן אָרט.

איך טייטש אזוי: שאין דן יחידי אלא אחד, דער אחד איז ניט דן דעם יחיד. ער רעכענט זיך מיט די אומשטענדען, אָבער ער איז באגלויבט אז ער וועט באַצאָהלען דעם רשע, „נותן לרשע רע כרשעתו . . .—עס איז דאָ שכר, ועונש, עס איז דאָ א יום הדין.

איך דענק, רבותי, עס איז שוין צייט א שמייכעל צו טוהן:

אַ ראַבאַי האָט אַמאָל זיך אויסגעשפּראָכען אין זיין סוירמאָן אַז די רייכע וועלכע טהוען דאָ ניט קיין צדקה, וועלען דאָרטען, אויף יענער וועלט, זיין אָרימע לייט, און זיי וועלען דארפען בעטען הילף ביי די וועלכע זיינען דאָ אָרים געוועזען. ווייל די אָרימע לייט פון דער וועלט וועלען דאָרטען זיין רייך. — האָט עס א רייכען אידען זעהר פארדראָסען. האָט דער רייכער איד זיך פארשטעלט פאר א געפאלענעם סוחר, איין אָרימאַן. איז ער אַריין צום ראַבאַי אין זיין סטאָדי און זאָגט צו איהם: ראַבינער! איך בין געוואָרען איין אָרימאַן, געפאלען א קרבן פון וואָל סטריט, מען האָט מיך אָפּגעשווירען אזוי ווי ביי א שעפּס די וואָהל (דערפאַר רופט זיך טאקע יענע סטריט: וואָהל סטריט). הכלל רבאי! הכלל ראבאי ! לייהט מיר א טויזענד דאָלאר, וועל איך עס אייך באצאָהלען אויף יענער וועלט, ווייל די אָרימע לייט וועלען דאָך זיין דאָרטען רייך, וועל איך עס קענען באצאָהלען. — דער ראַבאַי האָט באלד אויסגעשריבען א טשעק אויף א טויזענד דאָלאר און זאָגט צו דעם מעמבער: וואָס וועט איהר טהאָן מיט אזוי פיעל געלד ? זיכער ניט אויפעסען אינגאנצען ? — חו״ש זאָגט דער איד, איך וועל טהאָן דערמיט מסחר. — אויב אזוי, זאָגט דער רבאי— קען איך עס אייך ניט געבען, ווייל אין ביזנעס האָט איהר דאָך א גוטע געלעגענהייט צו באגליקען און רייך

זוערען, וועט איהר דאָך שוין דאָרטען, אויף יענער וועלט, זיין אָרים, און איהר וועט מיר ניט קענען באצאָהלען דעם חוב. . .

רבותי! היינט איז דער יום הדין, די וועלכע זיינען אין אירגענד וועלכע באשעפטיגונג, קענען באגליקט ווערען. ווייל — היד ד׳ תקצר? עשר בשביל תתעשר. האָט רחמנות אויף די יתומים׳לעך, אויף די קינדער, „להזהיר גדולים" — איהר גדולים, האָט רחמנות אויף די קטנים, אויף די קראנקע וועלכע זיינען אונבאהאָלפען, אזוי ווי קליינע קינדער (סטארעי יאק מאָלעי — בלע"ז). האָט רחמנות אויף די זקנים.

דרשה ב — ולא הבישן למד

עס איז דאָ נאָך א פשט׳ל אויף דער רש"י: להזהיר גדולים על הקטנים.

די גמרא אין סוכה זאָגט: פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש. — דארף מען דאָך פארשטעהן פארוואס דארף מען גראדע שלעפען דעם יצר הרע אין ביהמ"ד. — דער ענטפער איז פשוט: דער יצר הרע טענה׳ט אז ער איז דער עלטערער, „לפתח חטאת רובץ", אָדער „כי יצר לב האדם רע מנעוריו", ער מאָהנט ביי דעם מענשען אז ער זאָל איהם פאָלגען, ווייל ער איז עלטער, וסתירת זקנים בנין. פאָלג ניט דעם יצר טוב, זאָגט אזוי דער יצר הרע, ווייל ער איז דאָך א יונגערמאן, א יאָלד, א פריטץ, אָהן קיין עקספיריענס (דהוא מזדווג לבר נש מתלת עשר שנין) ער ווערט דאָך ערשט ענטוויקעלט אין א מענשען צו 13 יאָהר.

דארף מען דעם יצר הרע אריין שלעפען וואָס שנעלער אין בית המדרש, ווייל אין ביהמ"ד קוקט מען שוין מעהרער אויף דעם חכם ווי אויף די יאָהרען. אזוי זאָגט די גמרא אין ב"ב ק"כ: בישיבה הלך אחר חכמה, במסיבה הלך אחר זקנה.

דער גרעסטער חכם, שלמה המלך ע"ה, האָט אזוי געזאָגט: טוב ילד מסכן וחכם, ממלך זקן וכסיל. — אָט דאָס רבותי, געפין

איך אין רש״י׳ס: להזהיר גדולים על הקטנים. די עלטערע דרשנים ד.ה., די וועלכע זיינען זיך מתעסק אין „אמור ואמרת״ וואס דאס מיינט אמירה רכה, זאלען זיי זיך אומקוקען, מיט מעהר כבוד צו די יונגע רבנים, וועלכע זיינע גרויסע קינסטלער אין דרשנות, גרויסע חכמים אויף צו ציהען אלע פערשטמויסענע אידען.

עס טרעפט זעהר אפט אז אט די גרויסע טאלאנטפולע רבנים און דרשנים, האבען ניט קיין הצלחה צו איינשטעלען זיך אויף א שטענדיגער בימה, און ווען זיי קומען אין די שוהלען, קריטיקירט מען זיי מיט דער אלטער טענה, וואס פרעה האט גע׳טענה׳ט: אני בראתי את עצמי. ד. ה. אין ענגליש: אי עם איי סעלף מעיד מען. I am a self made man.

פרעגט מען דעם אומגליקליכען ת״ח: סטייטש ! פארוואס קענט איהר אויך ניט זיין א סעלף מעיד מען ? די רשעים האלטען נידעריג א מענשען וואס מוז נעביך אנקומען נאך הילף, חאטש אפילו דער אונגליקליכער איז א גרויסער חכם, האלטען זיי איהם פאר א לא יוצלח.

דער תנא הלל האט געזאגט (אין פרק ב : ולא הבישן למד. ווייסט איהר פארוואס, מיינע פריינדע, דער בישן קען ניט לערנען ? סטייטש, די מדה פון בישנות איז דאך דוקא א גוטע מדה, אזוי ווי די גמרא זאגט: (יבמות עט): שלשה מדות באומה זו, הרחמנים וביישנין וג״ח. דא איז אבער פארקעהרט אויב ער שעהמט זיך צו פרעגען ווען ער פארשטעהט ניט דעם לערנען, איז א סימן אז ער איז א בעל גאוה, ניט קיין שעמעוודי־גער, ווייל דער וואס וויל לערנען דארף זיך ניט שעהמען, צו פערלאנגען מען זאל איהם העלפען. צוליעב דער תורה דארף מען טהאן מעהר ווי מעגליך, ווייל נר מצוה ותורה אור: די תורה איז א ליכט, און די נשמה פון מענשען איז דאך אויך א ליכט, טא זעהט, רבותי ! פארלעשט ניט די ליכט פון דער תורה, וועט גאט ניט פארלעשען אייער נשמה — מדה כנגד מדה — להזהיר גדולים על הקטנים !

אט די וואנדערענדע רבנים, דרשנים, וועלכע קוקען אוים

ביי אייך קליין אין ווירדע, קטנים ! פארשעהמט זיי ניט ! העלפט זיי ! ותבוא עליכם ברכה.

אפילו אַט די קליינע רבנים׳לעך, וועלכע האָבען פריהער געדעזוועט, ד. ה., זיי זיינען געווען רעוורענדם חזנים און נאָכדעם האָבען זיי גע׳רב׳עט, ד. ה. זיי האָבען דערגרייכט צו תורה, האָבען געקראָגען סמיכה, קען מען אויך ניט אוועק מאַכען מיט דער האנד.

עס איז געקומען צו מיין האנד א כתובה פון אזא ראבאי, בין איך ערשטוינט געווארען, ווען איך האָב געזעהן אז דער ראבאי האָט געשריבען אין דער כתובה פסולתא במקום בתולתא. האָב איך איהם תומ״י אָפּגערופען אויפ׳ן טעלעפאָן: סטייטש ! היתכן ? אזא עם-הארצות ? ! איך האָב אָבער געמוזט איהם בעטען ענטשולדיגונג, ווען ער האָט מיר דערצעהלט אז די בתולה איז געווען ניט קיין בתולה, ניט קיין גרושה און ניט קיין אלמנה, ר״ל, זי איז פריהער געווען פארהייראטה צו א גוי, האָט ער געוואָלט באוואָרענען אז טאָמער חו״ש בלייבט זי נאָך דער יעצטיגער הייראטה איין אלמנה, זאָל זי ניט קענען חתונה האָבען מיט א כהן ! — יישר כח, אייך ! רעווערענדס און רבנים !

דרשה ג — שלום וצדקה (דרשה קטנה)

רבותי ! די תורה זאָגט דאָ צוויי מאָהל אמור, ואמרת. אמור, רבותי, איז א לשון אמירה רכה. ד.ה., אזוי, די כהנים, די מנהיגים פון פאָלק, זאָלען ריידען צום פאָלק מיט גוטע רייד פיעל מאָהל, זיי זאָלען זיך ניט אויפרעגען. סטייטש! איך האָב דאָך שוין געזאָגט עטליכע מאָהל, און זיי פאָלגען ניט. (אמור ואמרת, כמה פעמים, ובלשון רכה. כמו כה תאמר לבית יעקב. ברש״י סדרה יתרו). אל הכהנים, ווען מען רעדט אפילו צו כהנים וועלכע זיינען שמעון ולוי אחים, ד״ה מלשון חום, זיי זיינען הייסע אויפגערעגטע מענשען, אבער אז מען רעדט צו זיי מיט גוטען, ענטפערען זיי אויך שטיל און גוט, זיי ענטפערן מיט׳ן לשון:

ואמרת. איהר רעדנער, מנהיגים פון פאלק! איהר ווייסט דאך אז ישראל אעפ"י שחטא ישראל, הוא, דער רבש"ע וועט אונז ניט פארבייטען אויף איין אנדער פאלק.

בדרך משל: א איד האט אמאהל געזאגט, אז זיין ערשטע פרוי איז געווען א ליגנערקע. דהיינו, ווען זי האט זיך מיט איהם צוקריגט, האט זי געזאגט בזה"ל: א מכה וועל איך דיר קאכען סאפער! אבער ווען ער פלעגט קומען אהיים, האט ער אלעמאהל געפונען דעם פיינסטען סאפער.

כך רבותי, זיינען מיר אידען. אמור מעט ועשה הרבה. — איך בין זיכער אז די אלע אידען וועלכע האבען אפילו ניט צו־געזאגט גארניט, וועלען אויך ביישטייערען און העלפן צו אזא נויטיגע צדקה, יעדער איד וואס האט געהערט דעם אפיעל, וועט אריין טראגען זיין דאנישאן. איך ווייס אייך און קען אייך פאר ליגנער, איהר זאגט ניט צו און דאך גיט איהר . . .

אהרן הכהן פלעגט זיך אויך בענוצען מיט דער מדה פון ליגען: ער פלעגט זאגען: דיין חבר האט חרטה און וויל זיך אי־בערבעטען מיט דיר. האטש יענער האט עס ניט געזאגט.

דרשה ד — הכנסת אורחים

אלה מועדי ד' אשר תקראו אותם מקראי קדש.

די גמרא אין ר"ה כד זאגט: אשר תקראו אותם קרי ביה אתם. אפי' שוגגין אתם, אפי' מזידין אתם, אפי' מוטעין אתם, ווי באלד, אז דער בי"ד הגדול בעשטימט, איז עס אזוי.

רבותי! אויב די גמרא דרש'ענט דא דעםווארט אותם אלס אתם, אפי' שוגגין, ק"ו בן בנו של ק"ו אז די תורה זאגט בפירוש: **בנים אתם** לד' אלקיכם (ראה), איז דאך זיכער, אז מיר זיינען גאט'ס בנים, אפי' ווען מיר זיינען פארבלאנדזשעטע פון

גלייכען וועג, היינו, שוגגין ומוטעין. און יעצט, אז מיר ווייסען שוין אז מיר זיינען אלע גאָט'ס קינדער, האָף איך אז איהר וועט פארשטעהן, אז ווען איהר האָט רחמנות אויף איין אָרימאַן, און איהר העלפט איהם, העלפט איהר דערמיט א פארבלאָנדזשעטען זוהן פון דעם גרעסטען און מעכטיגסטען קעניג אין דער וועלט.

די גמרא אין ב"ב דף י זאָגט:

מלה"ד למלך בו"ד שכעס על בנו וכו' והלך אדם אחד והאכילו והשקהו וכו'. ואנן קרוין בנים דכ' בנים אתם לד' אלקיכם — ווען אונזער פאָטער אברהם איז געוועזען קראנק, נאָך איין אפעריישאָן, זיצט ער ביי דער טיהר און קוקט ארויס פאר אורחים, „והוא יושב פתח האהל". רש"י זאָגט : לראות אם יש עובר ושב. אייגענטליך וואָס דארף רש"י באנוצען אזא שפראך ווי עובר ושב, וואָלט ניט געוועזען געענוג, עובר? וועלכעס מיינט א פארבייגעהער. נאָר עס זיינען דאָ אזוינע ארימעלייט וועלכע שעהמען זיך אריין צו געהן צו יענעם עפּעס בעטען. עס פעלט זיי מוטה, קוראַזש. עס טרעפט אָפט, אַז אַזאַ אָרימאַן געהט צו צו יענעמס הויז, אָבער ווי עס קומט דערצו אז ער זאָל שוין אריין געהן, קעהרט ער זיך אום צוריק עובר ושב — און אזוי קען ער פילייכט עטליכע מאָהל געהן און זיך אומקעהרען — עובר ושב. מען דארף דערפאר זיין א משכיל אל דל, א יודע את נפש הנודד ללחם. אברהם אבינו איז דערפאַר געזעסען ביי דער טיהר, אַזוי שנעל ווי ער פלעגט נאָר דערזעהן דעם אָרימאַן, פלעגט ער לויפען צו איהם אַנטקעגען, אַריין נעמען איהם אין הויז און געבען איהם מוטה — אָט דאָס זאָגט רש"י: עובר ושב, צוליעב דעם אָרימאַן, האָט א"א געמוזט זיצען ביי דער טיהר, חאָטש ער איז געוועזען קראנק. אברהם, דער גוטער מענש, ווייסט די הארץ פון דעם אָרימאַן, וויאזוי עס איז ביטער אָנצוקומען צו יענעם.

איהר, מיינע ליעבע אידען, זייט דאָך אברהם'ס קינדער ! זרע אברהם אוהבך ! אויב איהר קענט ניט אויפגעבען אייערע ביזנעס און זיך זעצען ווארטען, ארויסקוקען ווען עס וועט שוין קומען איין אָרימאַן, טאָ עפענט חאָטש אייער גוט הארץ און גיט אויף דער גרויסער מצוה, **הכנסת אורחים** ! גיט אויף צו

העלפען די עובר־ושב׳ניקעס. אברהם האָט אליין באדיענט די אורחים, — איך אליין בין אמאָהל געוועזען א נודד, האָט מיך אזא אברהם שטארק מקרב געוועזען, ער האָט מיר אפילו שנאַפּס געוואָלט געבען, איך האָב ניט געוואָלט, ווייל עס איז ניט גע־וועזען וועמען צו שיקען עס קויפען — איז אָט דער איד ארוים אין איין אַנדער חדר, זאָגענדיג אַז ער וועט שוין זעהן עפּעס אַ אינגעל צו שיקען נאָך שנאפּס, אבער ווען ער האט אריין גע־בראכט די בראנפען, פרעג איך איהם: וואו איז דער אינגעל? האָט ער דאָך ניט געוואָלט זאָגען קיין ליגען, האָט ער אזוי גע־זאָגט: אָט דעם אינגעל וואָס איך האָב פון זינט איך בין א אינגעל געוועזען, געברויך איך איהם ווען מען דארף.— די גרויסע צדיקים מאַכען פון אַלעם אַ גוטען געברויך.

מיר האָבען אַמאָהל געהאַט אַ גרויסען צדיק אין גראָדנע, ר׳ נחום׳קע הראָדנער, זצ״ל. ער פלעגט מאַכען אַ געברויך פון זיינע באַקען אויף צו מאַכען געלד פאר אָרימעלייט. ר׳ נחום׳קע געהט קלייבען פאר איין ארימע כלה אויף חתונה הוצאות. דער גביר ווייס ניט אז דער קלייבער איז עס ר׳ נחום׳קע און אזוי ווי ר׳ נחום׳קע האָט איהם עטליכע מאָהל געבעטען, האָט ער פון אויפרעגונג דערלאנגט ר׳ נחום׳קען א פּאַטש אין באַק. אַבער ווי ערשטווינט איז דער גביר געוואָרען ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אז ער האָט געפּאַטשט דעם צדיק הדור, ר׳ נחום׳קען. דער גביר האָט געוויינט און האָט זיך געבעטען: רבי! זייט מיר מוחל, איך גיב הונדערט דאלאר אויף הכנסת כלה! — ר׳ נחום׳קע האָט צוגענומען דעם הונדערטער, און האָט אָנגעשטעלט די צווייטע באַק, און געזאָגט: עס איז דאָ נאָך אָרימע כלות אסאך. טאָ פּאטשט אין דער אנדער באַק אויך! — רבותי! מיר האָבען היינטיגע צייטען פּילייכט אויך אַזוינע צדיקים וואָס טהוען אַלעם צוליעב צדקה?

זעהט, רבותי! ווי גרויס די מצוה פון הכנסת אורחים איז: אז ווען עס קומט אוים יו״ט אין א שבת, דאוועט מען יו״ט׳דיגע שמונה עשרה לכבוד דעם אורח. בלויז צו ר״ה גיט דער שבת ניט אָפּ קיין כבוד, אז עס קומט אוים ר״ה אום שבת, בלאָזט מען ניט.

ווייל איין אורח וואָס בלאָזט זיך טויג ניט. — דערפאר האָב איך ניט געוואלט געבען שלום צו א אידען וואָס רויכערט שבת. ווייל בלאָזען אויף'ן שבת טאָר מען געווים ניט. איך בין אלעמאָהל מלמד זכות אויף די שוגגין ומוטעין, ווייל אזוי זאָגט די גמרא: אותם קרי ביה אַתם, אפי' שוגגין . . . אָבער בלאָזען במזיד אויף'ן שבת, דאָס טויג געווים ניט.

טייטשט ניט אזוי ווי יענער ע"ה: ולסריסים אשר ישמרו שבתותי — נאָר אַ סרים אָן אַ וייב קען היטען שבת.

רעדענדיג וועגען אורחים, איז כדאי צו באַמערקען אַז אין אונזערע שוהלען זיינען דאָ אויך אורחים, ווען קומט מען אין שוהל? ר"ל ווען מען איז איין אָבל, דרכי ציון אבלות. דער וועג וואָס פיהרט אין שוהל איז ר"ל אבלות. „דור הולך ודור בא" — ווען קומט דער נייער דור אין שוהל, אז דור הולך, אז עס איז דאָ א הלך לעולמו, ר"ל.

רבותי! מיר זיינען דאָ אויף דער וועלט אלע אורחים. היום כאַן ומחר על הבאַן. — ובכן לאָמיר טהאָן די גרויסע מצוה: געבען געלד אויף הכנסת אורחים.

דרשה ה — לספירה ותורה

רבותי! די תורה זאָגט: וספרתם לכם. פרעג איך א קשיה ווארום דארף די תורה זאָגען דעם ווארט „לכם"? וואָלט דען ניט געווען גענוג ווען די תורה זאָגט: וספרתם?

מיר געפינען אויך דעם זעלבען ווארט „לכם" ביי די ווער־טער: החדש הזה „לכם" ראש חדשים. וואָלט דען ניט געווען גענוג ווען די תורה זאָגט: החדש הזה ר"ח. — דאָרטען פרעג איך נאָך אַ קשיה: סטייטש, ר"ה איז דאָך גאָר אין תשרי, טאָ ווי קען זיך אָנפאנגען דער נייער יאָהר אין זיבעטען חדש? ווי קען זיין דער ערשטער חדש ניסן, אז ר"ה איז גאָר תשרי? — עס איז דאָך א תרתי דסתרי.

דער ענטפער, רבותי, איז אין דעם פירוש המלות. טייטשט

אַפ דעם וואָרט חדש: חדש מיינט א נייער. און אין דעם ווארט „לכם" איז דאָ די אותיות מ־ל־ך.

די ערשטע משנה פון ר"ה זאָגט: ארבעה ר"ה הן: באחד בניסן, ר"ה למלכים: — קענען מיר אזוי זאָגען:

החדש הזה, די באנייאונג פון דער וועלט איז — לכם: ד.ה., מלך ! דער מלך יחיד וועט באנייען די וועלט, ער וועט שוין מאַכען א בעסערע וועלט. מיר האָבען יעצט א קאָרופטע וועלט, א וועלט וואָס דער אָרימאן ווערט אויסגעריסען פאר א שטיקעל ברויט, אין דער צייט ווען מענשען שטארבען און לאָזען נאָך זיך טויזענדער מיליאָנען דאָלאר.

אָט דאָס זאָגט דא אויך די תורה: וספרתם לכם. צעהלט ביז איהר וועט קענען זיין ריין און קומען צו דעם מלך נעמען די תורה. די תורה, וואָס לערענט אונז, מיר זאָלען ניט פאַרשקלאַפען קיין מענשען, און ניט זיין קיין שקלאפען. אויב איהר ווילט א נייע וועלט, א בעסערע וועלט, מוזט איהר זיך פיהרען עפ"י התורה.

רבותי ! רעדענדיג דאָ וועגען צעהלען ספירה, דערמאן איך זיך אז ווען די תורה הייסט צעהלען זאָגט די תורה: ונתנו. אָבער איך האָב דאָרטען זעהר א הארבע קשיה: די תורה זאָגט דאָרטען: העשיר לא ירבה, סטייטש? אז דער רייכער מאן וויל געבען מעהרער פארוואס זאָל ער ניט געבען? מען וואָלט גע־צעהלט די גיבערים און געוואוסט וויפיעל אידען עס זיינען דאָ. אין אלגעמיין פארשטעהען מיר דאָך ניט צו וואס דארף דער רבש"ע די גאנצע נתינה אלס שוטץ פון נגף ? און אויב דאָס איז א צוועק פון צדקה, טאָ פארוואס זאָל דער רייכער ניט געבען מעהר פון דעם אָרימען. ?

לפע"ד מיינט ניט די תורה „עשיר" אלס עשירות אין געלד געלד איז ניט קיין עשירות.

עשיר מיינט מען דעם רייכען אין פערשטאנד, אָט דער מענש וואָס איז רייך אין דעה, אָט דער עשיר ווייס אז ער איז

א „אינו יודע". זאָגט די תורה: העשיר, דער איש תבונות, איז מרבה דעם „לא", ד. ה., ער ווייסט, אַז ער ווייסט ניט ,אָבער דער דל, דער אָרימאַן אין חכמה איז ממעט דעם „לא", ער דענקט פון זיך אַז ער ווייסט מעהרער פון אנדערע.

אָבער אַז דער עשיר וועט דעם „לא" מרבה זיין, און דער דל וועט עס ניט ממעט זיין, וועט זיין א גוטע וועלט, אָן א נגף, אָן שום שטויסעניש. — העשיר "לא„ ירבה: זאָל דעם לא מרבה זיין.

אין אַ וועלט, וואָס יעדער איינער האַלט זיך קליגער און בעסער פאר דעם אנדערן, שטויסט מען זיך, און מען הרג'עט זיך.

איך דערמאָן זיך, מאכט עס מיך שמייכלען:

א מאַן וויל גט'ן זיין פרוי. פרעג איך איהם: פאַרוואָס ? זאָגט ער צו מיר: רבי ! איך האָב זיך ארום געזעהען אַז איך בין פון גרויסען יחוס און זי ניט. — זאָג איך צו דעם מאַן: אייער יחוס'דיגע משפחה איז געגליכען צו פּאָטייטאָס. — סטייטש ! ? האָט דער מאַן געשריען, — ווי וואָגט איהר ! ? צו צו גלייכען מיין משפחה צו פּאָטייטאָס ? !! — האָב איך איהם געענטפערט: ווען די פּאָטייטאָס וואַקסען, איז דאָס וואָס ליגט פון די פּאָטייטאָס אויף דער ערד, איז גאָר ניט ווערט; און דאָס וואָס האָט יא א ווערטה, ליגט באַגראָבען אין דער ערד.

ובת כהן כי תהיה אלמנה, וגרושה, וזרע אין לה, ושבה אל בית אביה כנעוריה מלחם אביה תאכל וכל זר לא יאכל בו.

א כהן איז דער רבש"ע (סנהדרין ל"ט). און די בת כהן איז די תורה. — דער זוהר רופט אָן די תורה: ברתא דמלכא. און אַז מיר אידען שטיצען ניט חו"ש די תורה, הייסט עס אַז מיר גט'ן זי, און דער יונגער דור איז זיך מתרחק פון דער תורה, דאָס הייסט „**וזרע אין לה**", אָבער „וכל זר", אָט דער וואָס ווערט פרעמד פון דער תורה — לא יאכל! ער וועט חו"ש ניט האָבען קיין פרנסה.

דערפאר, רבותי ! זאג איך אייך: מיום הביאכם את עמר התנופה. — תנו־פה ! שטיצט אט דא, יעצט, די תורה, וועט איהר האבען. גימ"ט עמר — (שי, עולמות) עתיד הקב"ה להנחיל לכל צדיק וצדיק שי עולמות (עוקצין). זעהט, ברידערלאך, זייט מקיים ספירה: צעהלט אפ געלד אויף צדקה, צו שטיצען די תלמוד תורה, ושננתם לבניך ! אז איהר וועט לערנען די קינדער, איז: ודברת בם, בשבתך בביתך. וועט איהר האבען מיט וועמען צו רעדען אין הויז. איהר וועט ניט זיין עלענד. כי תומ"י אחר ושננתם נאמר בשבתך בביתך.

א טיטשער האט געוואלט געבען זיינע היי סקוהל תלמידים א משל פון טשאריטי. זאגט ער צו זיי: למשל, איך זעה ווי א בעל עגלה שלאגט זיין פערד מיט'ן בייטש. שריי איך אויס: סטאפ! סטאפ! און לאז איהם ניט שלאגען דעם ארימען פערד. — ווי רופט איהר עס אזא זאך ? —דאס מיינט ברודער־ ליעבע! האבען די תלמידים געענטפערט. זעהט איהר, רבותי, וואס פאר א חכמים מיר האבען ? די אורזאכע פון דעם איז: ווייל זיי לערנען ניט קיין תורה. — אמור ואמרת! להזהיר גדולים על הקטנים. — צו לערנען תורה מיט די קינדער.

די תורה איז אונזער געליעבטע כלה. תורה צוה לנו „מורשה", אל תקרי מורשה אלא מאורסה.

א מאן באקלאגט זיך פאר'ן דאקטאר : מיין ווייב האט פארלארען איהר שטימע. — פרובירט קומען אהיים שפעט ביינאכט, דאס וועט איהר ברענגען צו דער שטימע, האט געענטפערט דער דאקטאר.

רבותי! דאס מיין איך אייך ,—לערענט ביינאכט !

(עס זיינען דא ביי אונז קלוגע קינדער אויך)

איך האב נעפרעגט א באיטשיק, ווארום מיר מאכען טענקס. האט מיר דאס קינד געענטפערט : טענקס מיינט אויף אידיש א דאנק, און א דאנק זיי וועט היטלער האבען א מפלה.

בהר

ארימע לייט, מוטהיגט איינער דעם אנדערען!

„וכי ימוך אחיך, ומטה ידו עמך, והחזקת בו״!

רבותי! פארוואס דארף דאָ די תורה זאָגען די ווערטער „ומטה ידו עמך״?

צוויי באוואוסטע רבנים באגעגנען זיך אויף די שטיגעס, אין א שוהל אין קאונטרי, (סטעמפארד, קאָנג.), ערב שבת פאר מנחה. דער עלטערער גיט שלום דעם יונגער׳ן און גיט בשעת מעשה א קראַץ דעם יונגער׳ן אין האנד. — סטייטש, רבי! וואָס קראַצט איהר? פרעגט דער יונגערער.

איך וועל עס דיר גיבען פארשטעהן דורך א משל, האָט דער עלטערער אָנגעפאנגען. — א מלך האָט צו זיין פופציגסטען געבורטסטאָג ארויסגעגעבען אַ מאַניפעסט, אז ווער עס וועט פארלאנגען א בקשה וועט ער עס קריגען. איז געקומען איין אָרימאן און האָט געבעטען פון דעם מלך מען זאָל איהם קראַצען, ווייל עס בייסט איהם די לייב. האָט דער מלך אָפּגעקויפט זיך פון אזא שמוציגע ארבייט מיט אסאך געלד וואָס ער האָט געגעבען דעם אָרימאַן. דער אָרימאַן איז רייך געוואָרען, האָט ער איין עצה געגעבען זיינעם איין גוטען פריינד, ער זאָל אויך אזוי טוהן. דער מלך איז געוועזען זעהר א גוטער, אָבער זעהר א קלוגער. ווען דער צווייטער אָרימאן האָט דערצעהלט אז עס בייסט איהם, האָט דער מלך געהייסען אז מען זאָל ברענגען דעם ערשטען, און זיי זאָלען קראַצען איינער דעם אנדערען. יעצט פארשטעהסטו מיין זוהן, פאַרוואָס איך קראַץ דיר האָט דער רב געזאָגט צו זיין קאָלעגע.

יעַצט, רבותי, טייטשט אָפּ די ווערטער: ומטה ידו עמך. לפע״ד מיינט דאָ גאר א דבר חדש, אז ארימעלייט זאָלען איינער דעם צווייטען העלפען, עס זאָל ניט זיין: ק״ק נ״נ — קאָליעקא,

קאַליעקו ניע נאַווידיט ! — והחזקת בו ! איהר, ארימע לייט ! שטאַרקט און מוטהיגט איינער דעם אַנדערען.

זאָגט צו די נגידים: (רש"י'ס ווערטער): תושב, קבלו עליכם שלא לעבוד עכו"ם. א גלח האָט אריין געוואָרפען צו א אידען א גאָלדענעם אָפּ־גאָט, האָט דער איד צובראָכען דעם גאָט, און פארקויפט אין גאָלד. איינמאָהל פרעגט דער גלח דעם אידען:— מאָשקע ! זאָג דעם אמת: וועלכער גאָט האָט דיר בעסער און שנעלער געהאָלפען ? — ענטפערט דער איד: אמת, אז דיין גאָט העלפט זעהר שנעל, נאר ער העלפט אבער ניט, ביז מען צוברעכט איהם די הענט און פיס. — אזוי זאָגט אויך צו די נגידים, זיי זאָלען צוברעכען דעם גאָלדענעם גאָט, וועלען מיר אלע זיין גע־האָלפענע (ברעכט דעם קארג) — זאָגט צו די נגידים אז דעם קארגען, רופט אָן די גמרא: עכברא דשכיב אדינרא. איהר ווייסט פארוואס? ווייל ווען א מויז ליעגט אין א זאק מיט מעהל, איז איהר ווייך צו ליעגען און האָט אויך וואָס צו עסען. אָדער ווען זי ליעגט אין א זאק פעדערען, האָטש זי האָט ניט וואָס צו עסען, איז איהר אָבער ווייך צו ליגען. — אָבער א מויז וואָס ליעגט אויף גאָלדענע רענדלעך, וואָס פאר א הנאה האָט זי? אזוי איז אויך דער קארגער: ער האט קיין הנאה ניט פון זיין געלד.

איך וויל אָבער אויך צו אייך, אָרימע לייט, אפּעלירען, אז איהר זאָלט וויסען אז די נגידים קומען גאָר ניט אין שוהל. אָט די סדרה בהר לערענט עס אונז: מי יעלה בהר ד'? ומי יקום במקום קדשו ? —ווער קומט אין אַ מקום קדוש ? נקי כפים: דער, וואָס האָט לעדיגע הענט. — זהב טהור מקשה. ריינע געלד איז זעהר שוועהר צו פארדיענען, און די מעהרסטע מתפללים אין די שוהלען זיינען עהרליכע אָרימעלייט.

איך האָב אמאָהל געפרעגט א אידען: מיט וואָס באשעפ־טיגט איהר זיך ? — איך בין א מיניאָנטשיק. — פון אָנפאנג האָב איך זיך דערשראָקען, איך האָב געדענקט אז ער איז איין מיליאָנטשיק. נאָכדעם האָב איך זיך איבערצייגט אז ער ארבייט ביי — מנינים.

איינמאָהל שטעה איך אין פּייק סטריט, הער איך ווי איין הויכער איד זאָגט צו עלטערע אידען: ברענגט אייערע טולם מאָרגען 7 אזייגער. — פרעג איך א אידען: נאָך ביי די יאָהרען, דארפט איהר נעביך געהן ארבייטען? איהר נעמט נאָך ניט קיין פענסיע? — חו"ש! האָט דער איד געענטפערט, — איך ארבייט שוין ניט פופציג יאָהר. נאָר מען געהט דאָס מאָרגען דאווגען צו איין אָבל, דארף מען ברענגען די טליתים, (די טולם), — איך האָב שטארק אָפּגעזיפצט . . .

ווען א מענש זוכט צו פארדינען זיין ברויט, מוז ער נעביך גוט שוויצען, ווייל דער וואס האט אלע פערגעניגענס, דארף גאָר ניט אַזוי שוועהר שוויצען. די תורה זאָגט ביי לחם: בזיעת אפך תאכל לחם. נאר דער ארימער מענש דארף נעביך שוועהר פלאגען זיך אויף זיין שטיקעל ברויט. עהרליך איז שוועהרליך.

רבותי! איך שמייכעל, ווען איך דערמאָן זיך, אַז אַ בוטשער האָט אמאָהל פארשלאָסען (עפ"י עקסידענט) דעם משגיח אין אייז-באָקס. דער משגיח איז שיעור ניט געשטאָרבען פון קעלט. האָט דער ועד הרבנים געזאָגט אז עס איז געוועזען דאָס ערשטע מאָהל וואָס דער בוטשער האָט געהאָט כשר'ע פלייש אין זיין אייז באָקס.— עס איז שוועהר צו זיין אַ עהרליכער כשר'ער איד.

הכסף נתון לך. — אז דער יצר הרע האָט זיך באקלאָגט:— סטייטש! איך קען מיט אידען ניט האנדלען. זיי פאָלגען מיך ניט! ויאמר המלך להמן: האָט דער רבש"ע, דער מלך יחיד, געזאָגט צו המנ'ען, צו דעם יצה"ר: הכסף! צוליעב די געלד וועסטו קענען מיט'ן בעסטען מענשען טהאָן וואָס דו ווילסט. („על פת לחם יפשע גבר") והעם לעשות בו כטוב בעיניך". דערפאָר זאָג איך צו אייך אלע אידען, דאָ אין שוהל: פאראורטהיילט ניט קיינעם. זעהט פאָלגט די תורה, — והחזקת בו. — מוטהיגט איינער דעם צווייטען, איהר אָרימע אידען וואָס איהר קומט אין שוהל! קעמפפט פאר דעם אָרימען נע-ונד'ניק וואס קומט אין שוהל האלטען א דרשה. עס זיינען דאָ גזירות ר"ל אין די שוהלען אז מען לאָזט זיי ניט זאָגען א פּאָר גוטע ווערטער. — נע ונד איז

ר"ת: ניט עסען און ניט דאווענען. — דער אָרימער דרשן, ווען ער קומט אין שוהל זאָגען א דרשה, שיקט מען איהם אין איין אנדער שוהל, דערווייל פארשפעטיגט ער דעם דאווענען און האָט אויך ניט צו עסען.

ומטה ידו עמך! האָטש איהר אַליין זייט אָרימע לייט, אָבער דאָך דארפט איהר ניט דערלאָזען צו שפיכת דמים, ועלבון תורה. — והחזקת! שטאַרקט זיך! און קעמפפט פאר גע־רעכטיגקייט. זייט ניט ווי איוב, — מדה כנגד מדה, איוב שתק! דערפאר האָט ער זיך געקראצט.

עס האָט אמאָהל א רייכער איד געזאָגט צו א מחבר פון ספרים: איך קויף ניט קיין ספרים, ווייל ניט איך גלויב, ניט איך קען לייענען.

ווען ער איז געשטאָרבען האָט מען איהם פאר עטליכע מצות געשיקט אין גן עדן פאר א מאָנאַט. האָט ער געבעטען אז ער וויל זעהן א גוטען פריינד זיינעם אין גהינם. האָט מען איהם געגעבען א פעס. אָבער ווען ער איז געקומען צוריק איז שוין ביי די טויערען פון גן עדן געשטאַנען איין אַנדער מלאך און ווען ער האָט איהם געצייגט דעם פעס און האָט געוואָלט אריין געהן אין ג"ע האָט צו איהם דער מלאך געזאָגט — ניט איך גלויב, ניט איך קען לייענען! מדה כנגד מדה.

בחקותי

דרשה א — לבר מצוה

רבותי! איך האָב דאָ אסאַך קשיות צו פרעגען. נאָר אזוי ווי מיר האָבען דאָ היינט א בר מצוה וויל איך אז מיר זאָלען ארויס אביסעל פריהער צום קידוש. — איך דערמאָן זיך אז מיין רבי האָט געהאלטען זיין פלפול שה״ג פאר מוסף. האָט א איד אויסגערופען: רבי! איך האָב דאָך א קשיה. — האָט מיין רבי געענטפערט: איך פארשטעה! אָבער איך וועל עם ענטפערען מיט א רמב״ם, א ראב״ד, א פני יהושע — דער איד האָט אָבער אויס־געשריען נאָכאמאָהל: רבי! וואָס וועט זיין מיט מיין קאַשע?! —סטייטש, איך האָב עם דאָך שוין געענטפערט.— ניין, רבי, ניין! איך מיין, די קאַשע מיינע ווערט קאלט.

אזוי רבותי, קענט איהר דאָך מיר זאָגען היינט, דערפאר וועל איך מקצר זיין. איך פרעג בלויז: פארוואָס זאָגט די תורה דאָ ונתתי גשמיכם בעתם, אלס שכר פאר היטען די מצות? מיר לערנען דאָך (אין פ״ק א) אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב ע״מ לקבל פרס, און די גמרא זאָגט דאָך (אין קדושין ל״ט):— שכר מצוה בהאי עלמא ליכא.

רבותי! דער ענטפער איז אין די ווערטער פון רש״י:— בעתם בשעה שאין דרך ב״א לצאת בלילי שבתות, — די גמרא אין תענית כ״ד דערצעהלט אז ווען ר׳ חנינא בן דוסא איז געוועזען אין וועג האָט גערעגענט, האָט ר׳ חנינא מתפלל געוועזען מיט די ווערטער: רבש״ע! כל העולם כולו בנחת וחנינא בצער. — פסק מיטרא.— האָט אויפגעהערט רעגענען.

אָט דאָס זאָגט די תורה: אם בחקותי תלכו ואת מצותי תשמרו ועשיתם אותם — וועלען דאָך אלע זיין צדיקים, נו, אז א גאנצע וועלט איז צדיקים, וועלען דאָך מסתמא זיין צדיקים אין וועג אלע טאָג, טאָ ווען וועט קענען רעגענען? זאָגט די תורה: ונתתי גשמיכם בעתם. בשעה שאין דרך ב״א לצאת בלילי שבתות. פרייטאָג נאָכט דארף מען זיין אין הויז.

אַט דאַס, זוהנעלע, וויל איך דיר זאָגען: תפילין ווערט דאָך אָנגערופען א חק, ושמרת את החקה. — און אז דו ווערסט נאָך געהן אין שוהל דאווגען, ווערסטו דאָך מקיים זיין „בחקותי תלכו״. דו זאָלסט רעספעקטירען דיינע עלטערען און די הייליגע תורה— דאָס מיינט: ואת מצותי תשמרו ועשיתם אתם. ווערסטו קענען אָנגערופען ווערען מיט איין אמת: איש! ווייל ביז יעצט ביזטו געוועזען בלויז א קטן, אָבער יעצט ביזט דו שוין א פולשטענדיגער איש. איש מאַכט אין ר״ת: אני ירא שמים. אַט די ווערטער האָט געזאָגט דהע״ה צו זיין זוהן שלמה׳ן: וחזקת והיית לאיש. איש ר״ת: אביך יברכך שלמה. אַנטקעגען די דריי אותיות פון דעם ווארט „איש״ זאָגט אויך דער נביא ירמי׳ אין היינטיגער הפטרה דריי ווערטער ד׳, עוזי ומעוזי ומנוסי און די סדרה אויך, תלכו, תשמרו, ועשיתם. — אויב דו ווערסט מקיים זיין אַט די דריי פונדאמענטאלע מצות וועט אויף דיר מקוים ווערען (גשמיכם

בעתם) גשם, ר״ת: געזונטער שעהנער מענש.—מיט די ווערטער איז טאקע דער נביא מסיים: רפאני ד׳ וארפא.

דערפאר זאָגט די תורה: גשמיכם. אייגענטליך איז דאָך עס גאָט׳ס רעגען, נאר לאחר ברכה, איז דאָך: הארץ נתן לבני אדם (מס׳ ברכות דף ל״ה) אזוי איז אויך דאָ מיט דעם ושמרתם את מצותי, וועט דער גשם בעלאנגען צו אייך. — גשמיכם! — יען ושמרתם.

רבותי! אזוי ווי די גמרא אין פסחים דף ס״ח זאָגט: א״ר אלעזר הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם מ״ט יום שניתנה בו תורה, איז דער פשט דאָרטען אין דער גמרא אז שבועות זיינען אַלע מסכים אַז מען דאַרף עסען און טרינקען, האָבען גשמיות׳דיג פערגעניגען, ווייל ווען ניט די גשמיות וואָלטען דאָך די מלאכים צוגענומען פון אונז די תורה. (מ״ט יום שניתנה בו תורה הוא).

טייטש איך דאָ אזוי: אם בחקותי תלכו? אויב איהר ווילט היטען מיין תורה? דאן זייט איהר מחויב אויך האָבען פערגעניגען פון גשמיות אין דער צייט, גשמיכם בעתם. — זייט ניט קיין מלאכים, איהר מוזט עסען און טרינקען, דארום רבותי! האָבע? מיר היינט טאקע דאָ א גוטען קידוש.

דעם קידוש גיט מען, ווייל מיר האָבען געקריגען אין שוהל א נייעם מעמבער, א נייעם אידען וואָס וועט מקיים זיין אם בח׳ תלכו, ער וועט געהן אין שוהל.

דרשה ב — ליום הדין וליזכור ביוה״כ

אם בחקתי תלכו, ואת מצותי תשמרו, ועשיתם אותם— סאָלדאטען פון דריי קאטעגאָריעם: געהן, היטען, טהון.

רבותי! דער וואָרט „אם" איז דאָך אייגענטליך דאָ איבעריג. פארוואָס זאָגט ניט די תורה דאָ אזוי ווי ביי אלע מצות, א לשון אזהרה: בחקתי תלכו, אזוי ווי: ועשו להם ציצית (שלח), ושמרתם את המצות (בא), א. א. וו.

דער וואָרט „אם" איז אין ר״ת אָבינו מלכנו. — באמערקט, פריינדע! אז אין דער תפלה פון אבינו מלכנו איז דאָ דריי קאַטעגאָריעס: עשה למען הרוגים ע״ש קדשך—עשה למען טבוחים על יחודך— עשה למען באי באש ובמים על קדוש שמך. אזוי ווי דאָ אין דער סדרה איז דאָ דריי קאַטעגאָריעם: תלכו, תשמרו. ועשיתם.

אין דער יעצטיקער גרויסער וועלט מלחמה איז אויך דאָ דריי קאַטעגאָריעם: גבורים—העלדען. די ערשטע קאַטעגאָריע זיינען די העלדען וועלכע אָפפערען זיך מיט זייער לעבען, כדי צו פארטרייבען דעם שונא פון זייער פאַטערלאנד, קעמפפען זיי אזוי ווי די לייבען, העלדיש ביז דעם לעצטען אָטעם צוג, ביז זיי געלינגט צו פארניכטען דעם שונא.

די צווייטע קאטעגאָריע העלדען זיינען נאָך פיעל מאָהל גרעסערע העלדען ווי די ערשטע. דאָס זיינען די וועלכע פאלען אריין צו דעם שונא אין געפאנגענשאפט. דער שונא מוטשעט זיי מיט די גרעסטע יסורים, זיי זאָלען אויסזאָגען די סודות פון זייער מיליטער, פון זייער לאנד, אָבער זיי שטאַרבען, זיי ווערען

געקוילעט פון דעם שונא אזוי ווי שאָף און זיי נעמען מיט די מיליטערישע סודות מיט זיך אין קבר אריין — אָט די העלדען זיינען א פיעל העכערע מדרגה, ווי די ערשטע.

עס איז דאָ נאָך א דריטע גרופע, פיעל גרעסערע העלדען פון די ערשטע צוויי גרופעס, דאָס זיינען די מיליטער וועלכע געפינען זיך אויף א שיף, וואָס איז ארומגערינגעלט פון שונא, און זיי ווילען ניט איבערגעבען דעם שונא זייער שיף, געהען זיי ארויף אויף'ן דעק פון שיף, מיט גרוים שמחה שפּיעלען אָפּ א טויטען מארטש, עקספּלאָדירען די שיף, און געהען אראָפּ מיט איהר אין אָפּגרונט. **באי באש ובמים.**

אָט דאָס, מיינע פריינדע, זיינען די דריי קאַטעגאָריעס:— הרוגים על שם קדשך— דאָס זיינען די ערשטע קאַטעגאָריע העלדען; די גרעסערע זיינען די צווייטע: טבוחים על יחודך ! און די דריטע זיינען די וואָס עקספּלאָדירען די שיף— באי באש ובמים על קדוש שמך, זיי עקספּלאָדירען אין פייער און געהען אראָפּ אין וואַסער.

איך פערגלייך די עשרה הרוגי מלכות, דעם הייליגען תנא ר"ע וועלכען מען האָט געהרג'עט דערפאר וואָס ער האָט געלערענט תורה (גמ' ברכות סא- ע"ב) — אָדער דעם הייליגען תנא רחב"ת וועלכען מען האָט פארברענט מיט א ס"ת אויפ'ן הארצען (גמ' עז' יח, ע"א) — צו די גרויסע מלחמה העלדען, ווייל איך האָב עם אליין מיטגעמאַכט — איך בין געוועזען א סאָלדאט אין דער וועלט מלחמה, און האָב מיטגעמאַכט דעם פייער פון מלחמה, („ועשית לך תבת עצי גפר"), —איך האָב געשמעקט פּולווער (גפרית) אָט דאריבער טענה'ן מיר צו דעם רבש"ע און בעטען ביי איהם: מילא, א סאָלדאט ווען ער דיענט פאר א מענשליכען קעניג קען דאָך נעביך דער קעניג, דער מלך בשר ודם ניט העלפען ווייל א מלחמה פאָדערט קרבנות, גרויסע קרבנות ! אָבער, דו, רבש"ע ! דו קענסט דאָך געווינען אַלעם אָהן אונזערע מענשליכע קרבנות, נאָר וואס-זשע דען ? דו ווילסט אונז אויספּראָבירען, אויב מיר ווילען זיך מקריב זיין פאר דיר, פאר דיין תורה — נו,

האַסטו דאָך שוין געזעהען וויפיעל מיר זיינען זיך מקריב פאַר דיין הייליגען נאָמען, פאַר דיין תורה, פאַר די חקים ומצות, טאָ זעה העלף אונז פון אונזערע שונאים, גיב אונז א גוטען געזונטען יאָהר, — חדש עלינו שנה טובה — גיב די גשמים בעתם, ד"ה גשמיות. :

רבותי! דערפאַר זאָג איך צו אייך: דער רבש"ע וויל אייך אויספראָבירען, וויפיעל איהר זייט זיך מקריב אויף דעם מזבח פון תורה, „בכל נפשך ובכל מאדך", מיט'ן געלד — זעהט-זשע, מיינע טייערע פריינדע, פאַלט ניט דורך אין דער פּראָבע.

מר. פּרעזידענט! איך הער עפּעס די פרויען ריידען, וואָס זאָגט איהר, מר. פּרעזידענט! איהר קענט זיי ניט איינשטילען? אַללרייט! איך וועל זיי איינשטילען באלד אין אַ מינוט.

שוועסטער פון עזרת נשים ! אז איהר האָט פערגעניגען צו ריידען, מעגט איהר ריידען,- איז דאָך אייער עונג יו"ט. נאָר וואָס זשע דען? דער דין איז אַז די עלטערע דאַרפען ריידען פריהער. איהר וועט דאָך געווים ניט ברעכען אַ דין אין דעם יום הדין. אַהאַ ! איהר זעהט, —עס איז שטיל געוואָרען. יעדע איינע פון זיי האַלט זיך אינגער פאַר דער אַנדערער. זיי שטרע-בען צו לעבען. גאַנץ גוט, שוועסטער! שטרעבט צו לעבען, בעט ביי דעם רבש"ע! אל תשליכנו מלפניך ורוח קדשך אל תקח ממנו. די ר"ת פון דער תפלה איז **אמת**. שטיצט גאַנס תורה וועלכע איז **אמת**, זייט האָטש מקריב אייער געלט פאַר דער תורה, דאָס איז דאָך אַסאַך ווייניגער ווי ר"ע האָט מקריב גע-ווען.

דרשה ג — אפיעל פאר ר"ה

די תורה פאנגט זיך אָן מיט איין אלף: **א**נכי — די משנה מיט דעם וואָרט **מ**אמתי, און די גמרא: **ת**נא היכי קאי אותיות **אמת**.—און אַזוי אויך דאַ אין דער סדרה, **אם** בחקתי **ת**לכו—

איז פאַראַן די אותיות **אמת** —אין דעם וואָרט א־מ־ת איז פאַראַן דריי אותיות.

דריי פערשידענע קלאַנגען בלאָזען מיר מיט'ן שופר :— תקיעה, תרועה, שברים ! טעהו, טו, טו, טעהו, טעהו, טעהוטוטו! דאָס דערמאָנען מיר מיט אַ קרעכץ די עשרה הרוגי מלכות די אַלע קדושים וועלכע האָבען זיך מקריב געווען מיט זייער לעבען אויף דער תורה, נו ווען איהר האָטש מקריב זיין אייער געלד?. פארלירט ניט די פראָבע.

אל תירא כי יעשיר איש וכו'. כי לא במותו יקח הכל, לא ירד אחריו כבודו (תהלים מ"ט).

אַט דער פסוק איז זעהר קשה: וואס דארף דער פסוק זאגען אז מען זאָל ניט מורא האָבען, ווער האָט דען מורא ? פאר וועמען מיינט דער פסוק וואלט מען מורא געהאט ? אויב פאר א רייכען מענשען דארף דאך דער פסוק זאָגען בזה"ל: אל תירא מפני עשיר, און ניט כי יעשיר.— אויך איז דאָ קשה די איבעריגע ווערטער: לא ירד אחריו כבודו. ער זאָגט דאָך שוין: כי לא במותו יקח הכל, און ווארום זאגט ער: „אחריו", און ניט „אתו"? — הכלל, איך וויל שוין מעהר קיין קשיות ניט פרעגען, עס איז שוין צייט צו געבען איין ענטפער:—

קוקענדיג אויפ'ן מנהג העולם אז מען גיט דאָ אָפּ כבוד צום געלד, שרעקט זיך דער אָרימאן פאר די עשירות. ער טראכט זיך: אזוי ווי די מלוכה פון דער ערד האָט דאָך א גרויסע פארבינדונג מיט דער מלוכה פון הימעל: כל מי שרוח הבריות נוחה ממנו, רוח המקום נוחה ממנו (פרק ג).איז דאָך שלעכט! וועט ער דאָך חו"ש ניט האָבען קיין כבוד אויף יענער וועלט אויך. זאָגט דער פסוק צו דעם אָרימאן: אל תירא! דו זאָלסט וויסען אז דער וואָס איז דאָ א גביר, נעמט דאָך די געלד ניט מיט אין הימעל, איז ממילא לא ירד אחריו כבודו. עס איז דאָרטען אין הימעל אזוי ווי דאָ: מען גיט אָפּ כבוד צו די רייכע, נאר ווער איז דארטען א גביר ? אַט דער וואָס גיט דאָ צדקה, ווייל די געלד נעמט מען ניט

מיט, בלויז די צדקה, „אם כסף תלוה" ? געלד בעגלייט דען ? חו"ש ! אָבער את העני עמך, די צדקה וואס מען גיט דעם אָרימאן, איז: עמך ! דאָס נעמט מען מיט. והלך לפניך צדקך. .

רבותי ! זייט מנדר אויף צדקה ווייל די ספרי חיים און די ספרי מתים זיינען יעצט אָפן. טהוט פאר די נשמות צדקה, וועט מען זיי דאָרטען אָפּגעבען כבוד, און מען וועט זיי פאלגען ווען זיי וועלען בעטען דארטען אין הימעל, אז איהר זאלט לאנג לעבען און האָבען א גוטען גליקליכען יאָהר. עס וועט זיין: גשמיכם בעתם — גשמיות.

רבותי ! עס איז דאָ א פסוק אין איכה א: „כל רודפיה השיגוה בין המצרים", טייטש מען אזוי דעם פסוק: אז די אנטיסעמיטען, די רודפי ישראל האָבען ערשט משיג געווען, די גרויסקייט פון דער אידישער פאָלק, ווען אידען זיינען געווען בין המצרים, ד ה., אין צרות, און זעהענדיג ווי אידען גיבען צדקה, חאָטש זיי אַליין זיינען אָרימע לייט, אויף צרות און דאָך גיבען זיי די לעצטע צו העלפען די אומגליקליכע . . . דערפאר רבותי, זאָג איך צו אייך: גיט צדקה !

אשרי משכיל אל דל (תהלים מ"א)

בשעת אידען דארפען געבען צדקה לעגען זיי אוועק די פרומקייט אין א זייט, זיי קוקען ניט אויב דער אָרימאן איז א פרומער אָדער ניט,- זיי ווערען דאַן אַ משכיל, ווייל אַ משכיל איז ניט מדקדק אין יענעמ'ס פרומקייט.

פתוח תפתח את ידך. ווען א מענש שטארבט זיינען זיינע הענד אָפענע צו ווייזען, אַז ער נעמט גאָרניט מיט מיט זיך. מד"ר קהלת פ"ק (ה)וכשהוא נפטר מן העולם ידיו הן פשוטות, כלומר לא נחלתי מן העו"הז כלום . טאָ צו וואָס דאַרף מען וואַרטען אויף דער צייט, ווען מען צווינגט אונז עפענען די הענד? לאָמיר עפענען די הענד יעצט,— וועלען מיר לעבען—צדקה תציל ממות.

דרשה ד — ליום הדין, לצדקה ולשלום

אם בחקתי תלכו — רש"י: שתהיו עמלים בתורה

רבותי! איך פרעג אייך: וואָס איז דאָס פאַר איין אוים־שפּראַכע בחקתי תלכו? וואָס מיינט עס געהן אין מיינע געזע־צען? די תורה האָט געדאַרפט זאָגען היטען מיינע געזעצען. אָט דאָס, רבותי! וויל רש"י טאַקע אויפקלעהרען מיט די ווערטער שתהיו עמלים בתורה.

די מצוה פון לערנען תורה קענען מיר ערשט דאַן פאַר־שטעהן ווען מיר פאַרגלייכען עס אַזוי ווי אַ לאַנד דאַרף ניט וואַרטען ביז דער שונא באַפאַלט זי מיט אַ מלחמה, נאַר עס איז נויטיג, אַז נאָך איידער דער שונא באַפאַלט, זאָל מען זיין גוט צוגעגרייט צו שלאָגען דעם שונא, כדי דער שונא זאָל גאַר קיין חשק ניט צו האָבען צו אונטערנעמען אַ מלחמה, ווייל אַזוי שנעל ווי דער שונא פאַרשט און ער געפינט אויס, אַז די לאַנד איז נאַכלעסיג, פאַרשלאָפען און ניט צוגעגרייט צום קאַמפף, דאַן געוועהנליך בעפאַלט ער די לאַנד פלוצלינג, שלאָגט איהר מער־דערליך ביז ער צושמעטערט זי און מאַכט זי אונטערטעניג. אַזוי, מיינע פריינדע, איז דער יצר הרע. אָט די ווערטער זאָגט די תורה אין דער סדרה בראשית: אם תיטיב שאת, ד"ה אויב דו וועסט זיך בעסערען מיט דיינע מעשים, דו וועסט זיך פראַ־טעקטען געגען דעם יצר הרע, שאת, וועט דיך די וועלט קענען טראָגען און דולדען. אָבער ואם לא, אויב ניט, איז לפתח חטאת רובץ, וועט דער יצר הרע, דער חטאת גלייך דיך בעזיגען, ווייל ער איז ביי דיין טהיר און וואַטשט דיך, אויב דו ביזט שטאַרק גענוג צו קענען קעמפפען געגען איהם. דערפאַר זאָגט ר' לוי בר חמא בשם ר"ש בן לקיש לעולם ירגיז אָדם יצר טוב על יצר הרע, נצחו מוטב ואם לאו יעסוק בתורה (מס" ברכות). דער לער־נען איז אונזער כלי זין, הקול קול יעקב. אָט דאָס זאָגט רש"י אם בחקתי תלכו אַז איהר ווילט געהן אין דעם אויסגעטראָטענעם וועג פון אונזערע עלטערען, איהר ווילט זיין גוטע מענשען, זאָלט איהר קעמפפען געגען דעם יצה"ר מיט דער תורה, אַלעמאָהל זיין

צוגעגרייט צו קענען שלאָגען דעם שונא, דעם יצה"ר. שתהיו עמלים בתורה. די תורה זאָגט אין דער סדרה (ראה)וצרת הכסף בידך, וועלען מיר טייטשען די ווערטער אזוי: דו זאָלסט בינדען די געלדט, אָבער די געלדט, דער יצר הרע זאָל דיך ניט בינדען. דו זאָלסט זיין בעה"ב און הערשען איבער דער תאות הממון והיצר הרע.

איך שמייכעל ווען איך דערמאָהן זיך, אז א קאַרגער מענש איז אמאָהל געקומען צו א גאָלדענער חתונה, איז מען זיך נוהג צו ברענגען א פּרעזענט פון גאָלד. האָט דער קמצן אויך געבראַכט גאָלד: א גלאָז וואסער מיט א גאָלדען פישעלע. אָט די קמצנים האָט די געלדט געבונדען. זעהט, פריינדע, אז די געלדט זאָל אייך ניט בינדען די הענדט.

מיר זאָגען בנפשו יביא לחמו. רבותי, וואָס מיינען אָט די ווערטער ? איך וועל עס אייך ערקלעהרען:א טרעגער מיט א ישיבה בחור האָבען געמאַכט שותפות:דער ישיבה בחור זאָל לערנען תורה און דער טרעגער זאָל איהם מפרנס זיין מיט זיין הארעוואָניע און דערפאַר זאָלען זיי זיך טהיילען אויך מיט דעם שכר פון יענער וועלט. אין א צייט שפּעטער האָבען זיי זיךגע־ביטען מיט דער ארבעט: דער ישיבה בחור זאָל טראָגען משא און דער טרעגער זאָל לערנען. אזוי האָבען מיר זיך אויך געביטען: מיט דעם גוף דאַווענט מען, מען שאָקעלט מעכאַניש, אָן כונה און די נשמה, דער נפש שוועבט בשעת מעשה אין די געדאַנקען פון פרנסה, פון ברויט, געלדט און נאָך אזוינע זאכען. אָט דאָס מיינט בנפשו יביא לחמו. מיר האָבען געביטען די יוצרות. דערפאַר זאָג איך צו אייך, רבותי:ענטפערט מיט אייער נשמה, מיט'ן גייסט און הארצען! גיט געלדט אויף צו שטיצען תורה און צדקה, זייט מתקן דעם נפש און גוף !

עס זיינען אמאָהל געוועזען צוויי ברידער, זעהר גרויסע שונאים צווישען זיך, דער פייער פון מחלקת האָט געברענט צווישען זיי. פון גרויס עגמת נפש, וואָס די קינדער קריגען זיך איז זייער מוטער קראַנק געוואָרען. פאַר'ן טויט האָט די מוטער צוגערופעןביידע זיהן און זיי געבעטען זיי זאָלען איהר צוזאָגען

אז זיי וועלען זיך איבערבעטען. אין א קורצע צייט שפעטער איז דער עלטערער ברודער געוואָרען זעהר אָרים, האָט דער קלענערער איהם אָנגעבאָטען הילף, ער וויל איהם געבען געלדט, ער וויל זיך מיט איהם איבערבעטען, אָבער דער עלטערער איז געוועזען אַזוי פערביסען אין זיין שנאה, אַז ער האָט ניט געוואָלט קיין הילף און ניט געוואָלט איבערבעטען זיך מיט זיין ברודער. אין אַ ביינאַכט האָט דער אינגערער ברודער אַנגעטאָן זיך אין זיינע שבתדיגע קליידער, האָט גענומען די וואָכעדיגע בגדים, זיי אַוועקגעלעגט אויפן ברעג ים און איז אַוועקגעפאָהרען אין אַמעריקע. ווען מען האָט געפונען די קליידער אויפן ברעג ים, האָט מען בעשטעטיקט, אַז דער קלענערער פון די ברידער איז דערטרונקען געוואָרען. אַזוי ווי ער האָט ניט געהאַט קיין יורשים האָט דער עלטערער ברודער גערשנט זיין געלדט און איז גע־וואָרען רייך. אין א צייט שפעטער דערהאלט דער עלטערער ברודער אַ בריעף, לייענט זיך דער בריעף אַזוי: מיין טייערער ברודער! איך האָב געהערט אויף יענער וועלט, אַז דו ביזט רייך. שטאַרק דערשראָקען האָט ער זיך פאַרן טויטענס בריעף און האָט גע'חלש'ט, אָבער מען האָט איהם אָפגעמינטערט און מען לייענט ווייטער: שרעק זיך ניט, מיין ברודער, וואָס איך קען שרייבען פון יענער וועלט, ווייל איך בין ניט טויט, נאָר איך בין אויף יענער זייט ים, אויף יענער וועלט— מיינט מען אַמעריקע. אַזוי ווי אויף יענער וועלט בין איך אויך זעהר רייך, נאָר דו זאָלסט וויסען אַז אמאָל, ווען דו האָסט ניט געוואָלט אין דיין נויט נעמען פון מיר קיין געלד, האָב איך זיך געמוזט מאכען טויט.

שטאַרק געוויינט האָט יעצט דער עלטערער ברודער, זעהענ־דיג וואָס פאַר א גוטער פריינדט זיין ברודער איז איהם געוועזן. זיי האָבען זיך איבערגעבעטען.

אַזוי, רבותי, זיינען די אָרימעלייט, אונזערע ברידער און בעס־טע פריינד. זיי מאַכען זיך טויט (עני חשוב כמת), כדי צו העלפען אונז, ווייל די אָרימעלייט העלפען אונז מעהר ווי מיר העלפען זיי (יותר ממה שבעה"ב עושה עם העני, העני עושה עם בעה"ב.) נאָר מיר פאַרשטייען ניט וואָס די אָרימעלייט טהוען פאַר אונז

פונקט ווי מיר פארשטעהען ניט די חוקים פון דער תורה. אט דאס זאגט דער בערדיטשעווער צדיק זצ"ל. באין מליץ יושר...תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט. אזוי ווי מיר פארשטייען ניט די חוקים און דאך טהוען מיר די חוקים, אזוי, רבש"ע, וצדקנו במשפט. — מאך אונז גערעכט ! כאטש די וועלט וועט ניט פארשטעהען פאר־וואס דו האסט אונז ליעב און דו מאכסט אונז גערעכט, ווייל בחוקתי תלכו !

העלפט דער תורה וועלכע איז די בעסטע שוטץ און פראטעק־שאן אין מלחמה (אפילו געגען דעם יצר הרע). שתהיו עמלים בתורה.

א פראפעסאר פרעגט א סטודענט, וואס דארף גראדואירען אלעם דאקטער: וואס פאר א מעדיצין וואלט איהר געבען צו שוויצען ? איך וואלט איהם שיקען צו אייך האלטען עקזאמען,־ ענטפערט דער יונגער דאקטאר. אזוי, רבותי, זאג איך: דער, וואס וויל קענען לערנען, דארף גוט שוויצען אין דער תורה: עמלים בתורה. כדי צו ווערען א ת"ח דארף מען געגוג שוויצען. און איהר, פריינדע, דארפט די ת"ח שטיצען.

דרשה ה — צו סליחות נאכט

רבותי ! מיר האבען אלע פערלאזען אונזערע היימען אין מיטען נאכט, און מיר זיינען געקומען אין די שוהלען. די פינסטע־רע נאכט און די שרעקליכע אנטיסעמיטישע מאכט האלטען ניט אפ אונזער ליבע צו גאט. מיר זיינען געקומען ארויסרעדען היינט ביינאכט — דורך געזאנג און געבעט — אונזער בענקשאפט צו אונזער לאנד און צו דער תורה. קומי רוני בלילה !

די תורה זאגט (אין סדרה שופטים) : מי האיש הירא ורך הלבב ילך וישב לביתו. ר' יוסי הגלילי אומר הירא מעבירות שבידו (רש"י) פריינדע ! וואס האט דא ר' יוסי הגלילי געזאגט? ר' יוסי הגלילי מעולם לא חרט על דבריו (מעולם לא אמרתי דבר וחזרתי לאחורי מס" שבת פה.)וואס האט ער דא געזאגט ?

די פראקטיקע לערענט אונז, אז די טרויעריגקייט און חרטה, אין וועלכער א מענש פאלט אריין נאך דעם ווי ער באגעהט איין זינד, איז פיעל ערגער ווי די זינד אליין און דער יצהר"ע שטרעבט צו אריין ווארפען דעם מענשען אין טרויעריגקייט און יאוש, אסאך מעהר ווי די עצם עבירה. ווייל יאוש און עצבות איז די גרעסטע עבירה. אט די בעלי עבירה'ניקעס קענען ניט קעמפפען, ווייל מוטה פערלארען,—אלעס פערלארען. זיי מוזען געהן צוריק שלאפען (ילך וישב לביתו) **מוטה**! ברידער, מוטה! פארלירט ניט די האפפענונג! מיר האבען א גרויסען אלמעכטיגען גאט און מיר זיינען אלע זיינע קינדער **אם** (בחקותי) ר"ת **א**בינו **מ**לכנו.

רבותי! איך האב ניט קיין כח צו שרייען. נאר גאט זאגט הרם כשופר קולך, איך וועל אוים שרייען מיט די לעצטע כחות. אז דער, וואס זאגט, אז אידען האבען געזינדיגט, אז אידען האבען ניט קיין האפפענונג צו האבען א לאנד, איז א משוגע'נער, א ליגנער, איין אידיאט.

עס איז אמת, אז מיר, אידען, זיינען זיך ניט מתנהג עפ"י התורה. איהר ווייסט פארוואס? די תורה זאגט דאך (אין סדרה האזינו): וישמן ישורון ויבעט, און אט זעהען מיר אידען, רייכע אידען און דאך זיינען זיי גוטע מענשען, זיי בריקען זיך ניט, אלע זיצען רוהיג אין שוהל— אן גאוה, אן מחלוקת, אן ש"ח.

פריינדע! איך וועל אייך דערצעהלען איין עפיזאד:

א ספרדישער איד האט געפראוועט זיין יאהרצייט אין איין נוסח אשכנז שוהל. זאגט ער (אין קדיש) ויצמח פורקניה. האט זיך א איד א גראבער יונג צושריען: סטייטש! וואס פארא יאצמעך? ווער דארף דא דעם יצמח? דעם יצמעך זאגט מען דא ניט. דער ספרדישער איד —ניט קיין נאר —האט איהם געענטפערט: שריי ניט, דו גראביאן! ווען איך זאג יצ־דעך, וואלסטו געדארפט שרייען. אבער איך זאג דאך יצ־מעך, טא וואס איז דיין דאגה?

אזוי, מיינע טייערע פריינדע, זאָג איך צו אייך : שרייט ניט איינער אויף דעם אַנדערען,— שרייט, ברידער, צו דעם אַל־מעכטיגען גאָט ! קולי אל ד״ אזעק (אל תעלם אָזנך לרוחתי לשועתי)

טייטשט ניט אַזוי ווי יענער ישובניק האָט געטייטשט: ונשלמה פרים שפתינו (הושע) אַזוי ווי די אָקסען שלעפען דעם אַקער־אייזען, חאָטש זיי פארשטייען ניט אַפילו צו טראַכטען וואָס זיי טהוען, אַזוי דאַווענען מיר ווי די אָקסען, ניט פאַרשטעהענדיג וואָס דאָס איז.

ניין, מיינע פריינדע ! מיר ווייסען, אַז ניט אומזיסט זיינען מיר געקומען אין האַלבע נאַכט, ניט אומזיסט האָבען מיר גע־רויבט אונזער שלאָף פון אונזערע מידע אויגען. דער מקונן זאָגט (אין איכה)זכור תזכור ותשוח עלי נפשי, על כן אוחיל, דאָס מיינט, אַז מיר קומען זיך צוזאַמען אין די שוהלען ביינאַכט, אַז מיר דערמאָהנען זיך נאָך אין אונזער לאַנד, אין אונזער תורה, אַז מיר גיסען נאָך מיט הייסע טרעהרען און בענקשאַפט אויף׳ן חורבן בית המקדש, איז דאָס אַ סימן מובהק, אַז אונזער האָ־פפענונג איז נאָך ניט פערלאָרען, אַז מיר האָבען זיך ניט מיאש געוועזען. על כן אוחיל ! אַז מיר וועלען האָבען גוטע יאָהרען באַלד, מיר וועלען אינגיכען אויסגעלייזט ווערען פון דעם גלות.

אָט דאָס זאָגט די תורה (אין דער סדרה נצבים) : מחוטב עציך עד שואב מימיך,— חוטב עציך מיינט מען די מענשען, וועלכע האַקען אוים, ר״ל, דעם גוטען בוים, דאָס מיינט דעם ת״ח, (כי האָדם עץ השדה) און עס זיינען דאָ מענשען, וואָס שטיצען די ת״ח, זיי זיינען שואב מים (אין מים אלא תורה). אָט יעצט אין דער נאַכט שטייען מיר אַלע פאַר׳ן בית דין של מעלה. אתם נצבים כולכם, **אם ב**״ח תלכו ? ר״ת **אבת**, ד״ה, אויב מיר וועלען געהן אין דעם וועג פון די **אָבת**,— זיין רחמנים, שטיצען די ת״ח, איז ונתנה האָרץ יבולה, וועלען מיר האָבען אַ גליקליכען יאָהר.

דרשה ו — לראש השנה

רבותי! דער ווארט אם (ב"ח)איז ר"ת אבינו מלכנו, מיר לייענען היינט: ויאמר אבי מלך — דאס מיינט מען דער אבינו מלכנו האט געזאגט בעת ההוא, ר"ת ברוך הוא. די די תורה זאגט בעת ההוא סתם, דאס איז דער עת לכל, ווען אלע ווערען גע'משפט. ו־פי־כל שר צבאו— דאס מיינט מען: דער פי כל ש"צ, ר"ת שליח צבור, דער מויל פון אלע בעלי תפלות.

די בעלי תפלות טענה'ן צו גאט: רבש"ע, סטייטש! די מדת הדין איז מיט אונזער פאלק. א־ל־קים עמך בכל אשר אתה עושה. והוכח אברהם את אבימלך על אדות באר המים אשר גזלו עבדי אבימלך. סטייטש, רבש"ע! דיינע קנעכט, דיינע מלאכים רעים גזל'ענען דאס אידישע פאלק, וואס לערנען דיינע חוקים, דיין תורה, וואס איז באר מים חיים.

ויאמר אבימלך לא ידעתי! מי עשה את הדבר הזה? איך וויים ניט, אויב מיינע מלאכים האבען עס געטהאן? פיליייכט האסטו עס געטהאן צו זיך אליין. פילייכט האסטו עס ח"ו גורם געווען, וואס דו האסט ניט מקיים געוועזען דעם „בחקותי תלכו", פילייכט האסטו ניט געגעבען דעם הונגעריגען ת"ח קיין עסען? וגם אתה לא הגדת לי — דו האסט ניט געלאזען קיין מגידים ביי דיר אין שוהל זאגען א דרשה.

וגם אנכי לא שמעתי בלתי היום. אט דעם אנכי, דאס הייסט די תורה, וועלכע פאנגט זיך אן מיט אנכי, האב איך ניט געהערט פון דיר א גאנצען יאהר, בלויז היינט, ראש השנה, הערט מען עפעס א שטיקעל תורה, א דרשה.

דארום, רבותי! לאזט די ת"ח זאגען א גאנץ יאהר, נעמט ניט אויף בלויז אויף ר"ה, אדער, ר"ל, אויף יו"כ (אויף כפרות...) א דרשן.

זייט ניט ווי יענער קמצן:

איינער פרעגט א אידען אין די מאונטיינס : ווי געפעהלט דיר דער האָטעל ? —ער טויג אויף כפרות ! איך האָב א גאנצע נאכט מיט איין אויג ניט צוגעמאכט.

—סטייטש, פאַרוואָס ?!

— דער מענעדזשער פון האָטעל האָט מיר געזאָגט, אז אויב איך וועל געפינען איין וואנץ אין מיין בעט, וועט ער מיר גאָרניט רעכענען פאַר דער רום. נו, פרעג שוין ניט— די גאנצע נאכט בין איך געלעגען אין בעט און געווארט, אז א וואנץ זאָל מיך א ביס טהאָן...

רבותי ! וואַרט ניט, אז די אנטיסעמיטען זאָלען אייך בייסען— גיט צדקה, שטיצט די תורה ! —וועט איהר האָבען גשמיכם בעתם,— נשמיות...

רבותי ! איך האָב דאָ אייך געטייטשט א מאָדנעם פירוש המלות, אָבער איהר דאַרפט דאָך וויסען, מיינע טייערע צוהערער, אז יעדער וואָרט אין דער תורה ווערט פארשטאַנען אויף פיעלע געדאנקען: (הפך בה והפך בה...)

דער מענש, וואָס ער פאַרשטייט דעם געדאַנק פון ווערטער, ווערט ער זעהר באגייסטערט — תכין לבם תקשיב אזנך.

דער בעל שחרית האָט יעצט געזאָגט :

אָתיתי לחננך בלב קרוע ומורתח: טייטשט עס אָפּ: איך בין געקומען דיך בעטען מיט א צוריסען און א צוגאַנגען הארץ. דאָס האָט דער ב"ש גערעדט אין נאָמען פון די טויזענטער מענ-שען, וואָס רינען אָפּ מיט בלוט אויף די שלאַכט-פעלדער. די מענ-שען מיט אָפּגעריסענע גלידער, ר"ל. די מענשען, וועלכע לעכצען נאָך א שטיקעל מקום מנוחה, נאָך א טאַטען מיט א מאַמען, נאָך דער ווייב מיט די קינדערלאַך. און די טאַטעס מיט די מאַמעס שטעהען, נעביך, דאָ אין שוהל און זייערע הערצער שפּרינגען כמעט אַרויס. דער מאַגנעט פון די הערצער ביי די קינדער אויף

יענער זייט ים, וואו די קוילען רוישען, וואו דער גיהנום ברענט, אַט יענער מאַגנעט ציהט אונז צונויף, און אונזערע הערצער רייסען זיך— גוואלד, גאָטעניו פאָטער! האָב רחמנות! אוי, וועה איז מיר! שרייט דער בע"ת: דבר אין בפי, בלשוני מלה. פון צרות האָב איך זיך פערלאָרען, און איך האָב ניט מעהר קיין איין (1) וואָרט אין מויל.

אַזוי ווי מיר האָבען ניט קיין כח צו ריידען, נעמען מיר אַרויס דעם שופר, דעם שטומען בעל תפילה. מיר פייפען און מיר קרעכצען מיט צובראָכענע קולות: (שברים תרועה) טיהו-טו-טו-טי-טו טו טו... ווייסט איהר, מיינע ברידער, פאַרוואָס מיר באַנוצען זיך מיט אַ שופר פון אַ שעפס? ווייל דאָס שעפסעלע גיט דעה וועלט זעהר אַ סאַך גוטע זאַכען: זי גיט צו דער וועלט איהר פלייש, איהר פעל און אַפילו וואָהל אויף קליידער צו דערוואַרימען זיך אין דער קעלט. דאָס אומשולדיגע שעפסעלע, ווען מען טרייבט איהר, קען זי זיך ניט שלאָגען מיט איהרע הערנער, ווייל זי האָט איינגעדרעהטע הערנער. אַזוי, מיינע פריינדע, איז דאָס אידישע פאָלק: מיר גיבען צו דער וועלט — תורה, חכמה און פראָספּע-ריטי און זיי טרייבען אונז פון לאַנד צו לאַנד און מיר קענען ניט שטעכען— אַזוי ווי די נאַצים —מיט די באַיאָנעטען.

עס איז דאָך אונמעגליך פאַר מיר צו שילדערן דעם ים פון אונזערע צרות,—תעיתי כשה אובד! מיר זיינען אַזוי ווי דאָס פאַרבלאָנדזשעט שעפסעלע צווישען די טיגערס... רבש"ע! עד מתי? מיר בעטען ביי דיר, גאָטעניו! זכרנו לחיים, מלך חפץ בחיים, וכתבנו בספר החיים, למענך א-לקים חיים. איהר ווילט דאָך געוויס וויסען, וואָרום מיר זאָגען דאָ אַזוי פיעל מאָהל דעם וואָרט **חיים**? גאַנץ פּשוט: עס זיינען דאָ שלעכטע מענשען, וועלכע זיי זיינען טויט, חאָטש זיי לעבען:—רשעים בח' קרויים מתים. דער רבש"ע לאָזט זיי לעבען, טאָמער ווען זיי תשובה טהאָן (כי אם בשובו מדרכו וחיה). זאָגען מיר אַזוי: גאָטעניו! זכרנו לחיים! ווייל דו ביזט דאָך אַ חפץ בחיים, אפילו דעם רשע ווילסטו דאָך, ער זאָל לעבען, אָבער כתבנו, דו פאַרשרייב

אונז אין דעם בוך פון די גוטע מענשען, וואס לעבען צוליעב דיר און דיין תורה, למענך א-לקים חיים. זעהט-זשע, רבותי! שטיצט די לומדי תורה. די כהנים טראגען אויף זיך, נעביך, די זינד פון פאלק (ונשא אהרן את עון הקדשים — תצוה) האטש אלע אידען זיינען דאך ערב זל"ז, נור אזוי א איד איז בלויז א שומר חנם, אבער דער רב איז דאך א שומר שכיר וחיב,— טא באצאהלט איהם האטש פאר זיין התחיבות...

אט דאס זאגט די תורה: ונתתי גשמיכם בעתם. בעתם מיינט מען אין ר"ה, דעם יום המשפט, וועלכער איז עת לעשות לד'. די אנטיסעמיטען וועלען דאן שרייען אויף די ציין, וואס הפרו תורתך, וואס זיי האבען אזוי צובראכען דאס אידישע פאלק מיט דער הייליגער תורה.

דרשה ז — ליזכור דיו"כ

רבותי! מיר האבען א תפלה וועלכע מיר זאגען מיט גרוים באגייסטערונג: אוי, וועה, רבש"ע! טאטע, פאטער! **השיבנו ד' אליך ונשובה**: קעהר אונז אום צו דיר, טאטע! מיר ווילען זיך אומקעהרען צוריק צו דיין תורה, צוריק צו דיר, רבש"ע!

אבער טיעף אין הארצען, טראכט ביי זיך יעדער קלוגער מענש: פיליכט זיינען מיר שוין זעהר ווייט אוועק פון דער תורה, און פון די מצות — עס איז שוועהר זיך אומצוקעהרען . . . אט דאס זאגט די תורה: (ס' ראה) וכי ירבה ממך הדרך? אז דער יצר הרע וויל דיך אריין ווארפען אין מוטהלאזיגקייט (יאוש), און ער זאגט דיר: די מלחמה פאר א בעסערע וועלט איז שוין פארשפיעלט אלץ איינס,, דער וועג צו ראטעווען דעם ארבייטער, דעם ארימאן, איז זעהר ווייט, אזוי זאגט דער יצר הרע, דער היטלער ימ"ש. איז א סימן אז: כי ירחק ממך המקום — אז גאט איז ווייט פון דיר. (מקום מיינט מען גאט). עס איז א סימן, אז

דו פארשטעהסט גארניט . . . סטייטש ! גאָט איז דאָך אומעטום ! און גאָט איז דאָך ניט ווייט פון יעדען מענשען, וואָס וויל ווערען א גוטער מענש. דער עיקר איז: ונתת בכסף. גיט געלד ! העלפט דעם ליידענדען ! אָט דאָס איז דער נעהענסטער וועג צו דער תורה.

אָט דאָס איז דער געדאנק פארוואָס מען דארף היינט פאסטען זעהט נאָר ווי שווער עס איז צו לעבען איין טאג אָהן עסען, אָהן א טרונק וואסער, אָט אזוי ליידען דאָך אסאך אָרימע לייט א גאנין יאָהר . . .

אָט אזוי ליידעט די נשמה פון אונזערע קינדער וועלכע פאסט א גאנצען יאָהר אָהן א טראָפען תורה. מיר פייניגען דאָך אונזער נשמה און מיר פיהלען עס גאָרניט. מיר זיינען דאָך טויט ר״ל, חאָטש מיר לעבען. ווען אָט די נשמות וואָס שוועבען יעצט ארום אין אונזערע שוהלען וואָלטען געקענט רעדען וואָלטען זיי דאָך גזאָגט: קינדער, פייניגט ניט אייערע נשמות . . . למדו היטב . . . לערענט זיך גוטעס טהאן.

עס זיינען דאָ קארגע מענשען וואָס ציטערען שטארק פאר די געלד, זיי באוואָרענען די געלד אויף זיכערע אינוועסטמענטס, אויף ערשטע מאָרגעדזשעס, אָבער דער רבש״ע איז קליגער פאר זיי, אויב ער נעמט ניט אוועק דעם מאָרטגעדזש, נעמט ער חו״ש אוועק דעם מענשען פון דעם מאָרטגעדזש צו זיך אין הימעל . . . פאר דער צייט. — אסאך אזוינע נשמות וואָס וואָלטען געווען געקענט לעבען זיינען געשטאָרבען פאר דער צייט.

רבותי ! טהוט צדקה, שטיצט די תורה וועלכע איז איין **עץ חיים !**

אַ קליין קינד וויינט, ווען ער פאַרלירט אַ שפּיעלצייג, אַזוי זיינען דאָ נארישע מענשען קארגע, וואָס וויינען אויף זייער געלד. אָבער א גרויסער מענש וויינט אויף ווערטפולע זאַכען, ווען זיי ווערען פאָרלאָרען. — אזוי, מיינע פריינדע, לאָמיר וויינען אויף

אונזערע ליעבסטע און טייערסטע, וואָס זיינען געשטאָרבען פאר דער צייט. נארישע מענשען ווייסען ניט אז **יום כפור** איז דער טאָג, אין וועלכען מען שטאַרבט, ר"ל, אויב מען ווערט חו"ש ניט פארשריבען צום לעבען. דער יום המיתה איז ניט ווען מען שטאַרבט נאר דער טאג ווען עס ווערט פאר'חתמ'עט אז דער און דער זאָל שטארבען ר"ל. **וביום צום כפור יחתמון** . . .

דאריבער, פריינדע, **גיט צדקה** ! רופט אוים אייערע נדרים **ותחי נפשכם** ! וועט איהר לעבען און האָבען א גוט געבענשט יאָהר.

הערט פריינדע! איך האָב געשיקט מיינער א שוועסטער אין יוראָפ צעהן דאָלאר און שרייב איהר: איך שיק דיר צעהן דאָלאר, דאצאָל. שרייבט מיר צוריק מיין שוועסטער: טייערער ברודער! די צעהן דאָלאר האָב איך ערהאַלטען, אָבע אוואו איז דער דאצאָל?

פריינדע ! איהר זענט דאָך ניט קיין גרינע, איהר פארשטעהט דאָך וואָס גאָט וויל פון אייך: צ ד ק ה ! — צדקה — דאצאָל . . .

